STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06493

A BUKH TSUM LAKHEN

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א בונד צום לאכען

הומאָרעסקען
און
ערצעהלונגען
צום פארלעזען

ארויסגעגעבען פון
פארלאג מאקס יאנקאָוויטץ
MAX JANKOWITZ, Publisher
179 E. Broadway New York City

אינהאַלטס־פאַרצייכנים:

בוך 1

זיין רייזע אין אַמעריקא — — — — פון אברהם רייזען
דער משוגע׳נער בטלן — — — — — — — — פון י. ל. פרץ
די געפאַהר פון שלאָפען אין בעט — — פון מאַרק טוויין
יעדער ציגיינער לויבט זיין פערד — — — פון ראָדא ראָדא
אויפגעגעסען אַ ביזנעס — — — — — — פון משה נאַדיר
דער מת — — — — — — — פון אַרקאַדי אַווערטשענקאָ
אַ נאַכט אין קאָנטרי — — — — — — — פון א. ל. באַראָן
ליבע און צאָהן־וועהטאָג — — — — — — פון מ. ג. סאַפיר
רוסישע טשינאָווניקעס — — — — — — — פון כאַפּט איהם
אַ נאַכט־גנב — — — — — — — — — פון יעקב מאַרינאָוו

בוך 2

זיין ערשטער קליענט — — — — — — — פון י. פּאָדרוזשניק
גערעטעט די צייטונג — — — — פון אַרקאַדי אַווערטשענקאָ
גע׳הרג׳עט די ווייב — — — — — — — — פון ל. קעסנער
אין דער נאַכט פון זיין יובילעאום —
פון י. מאַרינאָוו און ל. קעסנער
קריגס־געפאַנגענע — — — — — — — — פון יעקב יוסף
אַ מאַמעס הארץ — — — — — — — פון דזשאָרדזש אָריאָל
שוואַרץ אָדער גרוי — — — — — — — פון ת. גאָטעספעלד
אַ פּירשטליכע נדבה — — — — — — פון הערמאַן וואַגנער
אין אַ פּרויען־רעפּובליק — — — — — — פון כאַפּט איהם
די „ברעד־לאַין״ — — — — — — — — פון אברהם רייזען
אַ קאָנטרי־ראָמאַן — — — — — — — פון יעקב מאַרינאָוו

בוך 3

אין גן עדן — — — — — — — — — — פון מאַרק שוויד
יענער בריף — — — — — — — — — פון אברהם רייזען
אַ ראָמאַן מיט אַ קאָנטרבאַס — — פון אַנטאָן פּ. טשעכאָוו
פאַרזאָרגט די בנים — — — — — — — פון ת. גאָטעספעלד
די זעלבסטמערדער — — — — — — — — פון כאַפּט איהם
דער וועלט־טאַטע — — — — — — — — — פון עליאַש
דער אָדלער און די היהנער,
פון י. מאַרינאָוו, ל. קעסנער און נחום י.
זיין מאַמע׳ס זופּ — — — — — — — פון י. מ. און ת. ג.
„פּראָוואָזשיטעלסטוואָ״ — — — — — — — פון א. ל. דאָר
אַנטשולדיגט, איך בין געשטאָרבען —
פון י. מאַרינאָוו און ל. קעסנער

אברהם רייזען

זיין רייזע קיין אמעריקא

נאך דעם ווי מיין חבר הײמאן איז אבגעוועזען פינף יאהר אין ניו יארק און האט איבערגעארבייט ביי פערשיעדענע „טריידס“ — פון א קעסטעל־מאכער ביז א פיינטער, פון א פיינטער ביז א „האנד“ אין א רעדאקציע, — האט איהם אנגעהויבען ציהען אין דער וועלט אריין.

— איך קען דא מעהר ניט זיין, — איך ווער דערשטיקט! — האט ער זיך פאר מיר געקלאגט און האט צושפרייט די הענד ווי ער וואלט וועלען פליהען.

— וואוהין ווילסטו — צוריק אין אייראפא? — האב איך איהם אבגעהאקט די פליגלען.

— ניין, — האט ער אויסגעזיפצט, — איך וויל אין אמעריקא!

און זיינע אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א מאדנעם פייער, — אין אמעריקא וויל איך פאה־רען!

— ביזט משוגע! — האב איך זיך דערשראקען.

— דו ביזט דאך אין אמעריקא, — ניו־יארק איז דאך די הויפט שטאדט...

— ניין, ברודער, — האט ער אויסגעקרעכצט.

— ניו־יארק איז נישט אמעריקא, ניו־יארק איז בריסק, קאוונא, בערדיטשעוו, לעמבערג, יעהופיץ, וואס דו ווילסט אליין — איך אבער וויל פאהרען אין אמערי־קא. אז איך בין נאך געווען א קינד האב איך שוין

געטרוימט פון אמעריקא.

— וואו זשע איז אמעריקא? — האָב איך איהם געפרעגט, שטארק בעאונרוהיגט וועגען זיין גייסטי־גען צושטאַנד...

— חאַטש קאַליפאָרניא... — האָט ער אויסגע־ברומט, און זיין געזיכט האָט זיך בעשטראַהלט. — חאַטש קאַליפאָרניע, ברודער! דאָרטען הויבט זיך ערשט אָן. חאַטש די אמת'ע אמעריקא איז בראַזיליען.

— זאָג שוין באַלד — יאַפּאַן! — האָב איך גע־חוזק'ט.

— יאַפּאַן נישט! — האָט ער נישט נאָכגעגע־בען, — חאַטש צוריק געשמועסט, מעהר אמעריקא ווי ניו־יאָרק איז עס זיכער. איך אבער וויל אין דער אמת'ער אמעריקא — אין קאַליפאָרניע...

און מיין חבר האָט זיך גענומען גרייטען אין אמעריקא, אין קאַליפאָרניע הייסט עס.

איז אָן אומגליק אָבער — מיין חבר הײמאַן האָט בשום אופן נישט געקענט אבשפּאָרען די גרויסע סו־מע געלד וואָס די רייזע נאָך קאַליפאָרניע האָט געפאָ־דערט...

עס איז אריבער צוויי יאָהר און מיין בחור קרעכצט ווייטער, שפּרייט די הענד, ווי פליגלען, און בעט זיך:

— גוואַלד, איך וויל פאָהרען קיין אמעריקא! — און ער לאָזט שוין אראָפּ פון קאַליפאָרניע אויף שי־קאַגאָ.

— קיין שיקאַגאָ אָבער מוז איך פאָהרען!

נעווים איז קיין שיקאַגאָ די רייזע ביליגער — אכטצעהן דאָלאַר — און מיין חבר קען דאָרטען זיין! אָבער די צייטען זיינען ביי מיין חבר ערגער געוואָרען:

„סלעק", פוילקייט און אנדערע אומשטענדען.

— ניין, אזוי ווייט — אין שיקאגא — קען ער זיך ניט אונטערנעהמען.

און עס גערט אוועק נאך א יאהר. מיין חבר היימאן בעט זיך:

— ברודער, גיעב אן עצה, — ווי ווערט מען פטור פון ניו־יארק, און ווי אזוי פעקעלט מען זיך פארט איבער ערגיץ אין א שטיקעל אמעריקא.

איך נעהם אנטייל אין זיין לאגע באמת, ווייל איהם אויסהעלפען מיט אן עצה, און מיר נעהמען דעם קורס־בוך פון די רייזען, זוכען שטעדט אין אמעריקא, און געפין אויס אז אין דעטראיט קאסט ביי א דרייצעהן דאלאר. מיין חבר גיעט א פאטש אויף דעטראיט אין רייזע בוך און צווינגט זיך:

— יא, איך פאהר קיין דעטראיט! — און ער ציהט אויס די הענד — ער פליהט שוין, הייסט עס!

אבער באלד גלעט ער דעם שטערען, זוכט אין די טאשען און געפינט ענדליך אויס, אז דרייצעהן דאלאר איז טאקי נישט קיין געלד, אבער ער פערמאגט עס דערווייל ניט...

ער וועט מוזען, הייסט עס, ווידער נעהמען זיך צו בארגען, שפארען נאך א פאר מאנאט...

די פאר מאנאט זיינען אריבער. איך בעגעגען מיין חבר היימאן א פערביינקטען: — נו? — פרעג איך איהם.

ער האט ערשט זיעבען דאלאר, און מיט צושפרייטע הענד קלאגט ער:

— מעהר ווי 7 דאלאר האב איך ניט געקענט אבשפארען. איך גיה דא אוים, אין ניו־יארק, ווי א ליכט... איך וויל אין אמעריקא!

— פאָהר אין באָסטאָן, — ראט איך איהם.
— באָסטאָן איז אן עכט אמעריקאנער שטאָדט, דאָרט ערשיינט אפילו א אידישע צייטונג, אבער קיינער ווייס פון איהר ניט, מען זעהט זי נישט אָן... יא, ברודער, פאר זיעבען דאָלאר קענסטו פאָהרען קיין באָסטאָן...

מיין חבר איז צופריעדען. געווים איז באָסטאָן אמעריקא. פון דער איינציגער אידישער צייטונג דאָר־טען לאכט ער. ער וועט זי זיכער נישט אָנקוקען, און טאָמער קומט אהין איינער א ניו־יארקער לעקטשורען, וועט ער זיך מאכען כאילו לא ידע — ער וואָהנט אין אמעריקא, און אוים לעקטשורס פון גרינהאָרנס! — מען קען איהם דאָרט גאָר נישט טהאָן — ער וועט זיין אין אמעריקא.

אָבער ביז ער האָט זיך צוגעגרייט איז פון די זיעבען דאָלאר געוואָרען דריי מיט א האלב: האָט ער פאר א דאָלאר געמוזט אויסלייזען די וועש, וואָ־רום ווי נעהמט מען אונטער אזא רייזע אָהן וועש?

— ברודער! — האָט ער פאר מיר ווידער גע־קלאָגט, — אוים מיט באָסטאָן — איך האָב פונקט צוויי און א האלב דאָלאר... איך מוז אבער פאָהרען ערגעץ קיין אמעריקא. דאָ וועל איך קראנק ווערען, שטארבען און בעגראָבען ווערען ערגעץ ביי מיינע לאנדסלייט אויף דער סעמעטערי און וועל קיינמאָל אמעריקא נישט אָנזעהען.

— אויב דו האָסט נאָך באמת צוויי און א האלב דאָלאר, — האָב איך איהם געטרייסט, איז נאָך דער אונגליק ניט אזוי גרויס, — פאר אזא סומע קענסטו פאָהרען אין פילאדעלפיא. דאָרטען איז אויך אפילו דאָ א אידישע צייטונג, און צום אונגליק, א טעגליכע.

אבער — אויך די אייגענע מעשה ווי אין באסטאן — קיינער וויים פון איהר נישט — דערפאר אבער פער־מעגט פילאדעלפיא יענעם גלאק, וואס האט אויסגע־קלונגען פרייהייט פאר אמעריקא — איך מיין, אז דערפאר אליין מוזטו פאהרען קיין פילאדעלפיא.

מיין חבר היימאן האט זיך מאדנע דערפרעהט, גענומען צעהלען זיין קאפיטאל, ערשט ער כאפט זיך: ער פערמאגט בלויז א דאלאר מיט א האלבען...

און א דאנק מיין עצה בעשטימט ער צו פאהרען קיין פעטערסאן... ס'איז דאך נעהנטער צו קאליפאר־ניע, און עס וועט נאך איהם בלייבען ביי א דאלאר אויף די ערשטע טעג לעבען.

און ער האט זיך ענדליך געלאזט אין וויטען וועג אריין — קיין פעטערסאן.

אבער, ווי עס האט זיך אויסגעלאזט, איז ער אויך אין פעטערסאן נישט געפאהרען. בעגעגענט האב איך איהם אין א פאר מאנאט ארום שפאצירען אויף פיטקין עוועניו אין בראנזוויל.

— ביזט גאר נישט געפאהרען קיין פעטער־סאן ? — האב איך זיך פער'חדושט.

— ניין, ברודער. איך האב נישט געקענט... עס האט זיך אונטערגערוקט שוין פאר'ן פאהרען א זייטיגע הוצאה און איך בין געבליבען ביי א האל־בען דאלאר. פאר גרויס בענקשאפט בין איך אנטלא־פען קיין בראנזוויל.

און דערביי האט ער אויף מיר א ווארף געטהאן א האפנונגסלאזען בליק, ווי געזעדט: שווער, ברו־דער, צו דערגרייכען אמעריקא, ווען דו פאלסט אריין אין ניו־יארק...

י. ל. פרץ

דער משוגע'נער בטלן

ער איז געלאָפען אויף און אָפּ בייטאָג איינער אליין אין ביה"מ און ראַפּטעם זיך אָפּגעשטעלט.

— רבונו של עולם! ווער בין איך?

— ווער בין איך?... מען רופט מיך: בערל האַנטשעס... נו, בין איך דען בערל האַנטשעס? בין איך דער נאָמען? — די שילד איז נאָך ניט די שענס! דאָס הויז, וואו דער רב וואוינט, הייסט: פּאַרקאַרפּיעס און איך — בערל האַנטשעס!

אין טשאַכנאָוועס קען מען מיך: מען ווייסט ווער בערל האַנטשעס איז; אָבער אין אמעריקע? ווען איינער למשל גיט אזוי ראַפּטים אַ זאָג ארויס אין אמעריקא, אין ביהמ"ד: „בערל האַנטשעס"... נו, וואָלט עמיץ געוואוסט, אז מען מיינט עס מיך?

שאני הכא! דאָ איז עפּעס אנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמייכעל, אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, מאכט אזוי אַ תנועה... „אַ באַקאַנטע זאַך, בערל האַנטשעס"! איינער טראַכט: דער בטלן, דער צווייטער: — דער משוגענער, דער דריטער — כ'ווייס וואָס; דער פער־

טער ווערט זיך דערמאָנען, אַז איך היים נאָכ'ן פעטער בערל. — טויבעלע, אמת, גיט אַ קרעכץ דערביי, ווייל זי ווייסט, אַז איך בין נעביך אַ יתום. אָבער אין אמעריקע, וואו מען קען ניט חנה די זיצערקע, און וואו מען ווייסט ניט, אַז עס איז געווען אויף דער וועלט אַ בערל חקרן, דער מאַמעס אַ ברודער, וואו מען ווייסט ניט, אַז איך בין, וואָס מען רופט מיך: אַ משוגע'נער, אַ בטלן, אַ יתום און אפשר גאָר אַ חקרן. איך בין, דאכט זיך, געראָטען אין פעטער אריין. וואָס פאר אַ רושם וואָלט געמאכט: בערל חאַנטשעס?!

עפּעס ווייס איך דאָך יאָ ווער איך בין? איך אַליין זאָג דאָך: אַ משוגענער, אַ בטלן... נו, דאָס בין איך!

בין איך דען ניט משוגע? וועלכער מענש שטעלט זיך אַנידער קלערען, ווער ער איז? אַ מענש איז אַ מענש! איך בין אַ מענש און היים: בערל חאַנטשעס... וואָלט איך געוועזען אַ הויז, וואָלט איך אפשר געהייסען: פּאָרקאָרפּיעס, אַן אָרעשטאַנט — וואָלט איך געהאַט אַ לאַטע אויף די פּלייצעס און אַ נומער... וואָלט מיין טאַטע, נ י ש ט ט די מאַמע, געוועזען דער פאַרזאָרגער, דער „פּרנסה־געבער“, ניט דער בטלן, וואָלט איך געהייסען: בערל שמערל'ס. עס וואָלט אַפילו שווער געווען ארויסצוזאָגען: „בערל שמערל'ס“, נאָר מען וואָלט שוין געמוזט! און אפשר וואָלט איך דעריבער ווייניגער געוועזען ביי מענשען אין די מיילער — ווען מיין נאָמען זאָל זיך נישט אַזוי גלאַטיג אַראָפּקויקלען פון דער צונג.

— אָבער, ווי איך וואָלט געהייסען — אַ מענש בין איך...

— אַ מענש! נאָר אַ בטלן דערצו... מאָלע אַ מענש בלייבט אַ יתום, נו, וואוינט ער אין ביהמ"ד? קראַנק בין איך עפּעס צו טאָן? אין שליחות געהן, האָלץ צו האַקען, אַ משרת צו ווערען און געהן אָנגע־טאָן אַ בגד, נ י ש ט קרועה בלויה. עסען ברויט, נישט צו זיין ביז דרייסיג יאָהר ישיבה בחור, עס זאָל מיר פעהלען צוויי טעג אין וואָך און ארומדרעהען זיך און קלערען: ווער איך בין?!

— איך וואָלט כאָטש געוואוסט, ווער מיין קאַ־פּאָטע איז; אַזוי, אָסור אויב איך וויים! — אַ שטיק בענדיט, אַ שטיק חיים, אַ שטיק יונה, דריי פערטעל פון מיסט! אַ מערכה, טויבעלע קען נייהען, אַניט וואָלט איך געוועזען אָדם נאַקעט.

— איז דען דאָס אליין ניט קיין שגעון? אַזאַ מין בטלנות, אַזאַ מין בטלנות! גאָרנישט... שמערל, חיים, יונה... עס האָט אַ שיעור וויפיל בית המדרש'־ניקעס איך האָב איבערגעלעבט!... איינער איז שוין אַ סוחר, איינער — אַ טרעגער, איינער — אַ שענ־קער! אַ דאַגה, איינער איז שוין אַן אַלמן אפילו, שמערל האָט שוין דאָס דריטע ווייב; נאָר אַלע האָ־בען קינדער, געשעפטען, עסקים; גוט, שלעכט, נאָר פּאַרנומענע מענשען, עסען ניט קיין טעג, זענען נישט קיין בטלנים... מענשען! און איך וויל אויך זיין אַ מענש.

— וואָס הייסט אַ מענש?

— ווי איך בין אַ איד, איך בין קיין מענש נישט!

— ווי איך בין אַ איד! איך בין אַ איד! איך בין אַ איד, נאָר גאַנץ טשאַכנאָווקע זיינען אויך אידען און זיינען נישט איך. הלמאי, איך בין אַ מאַנספאַרשוין (כאָטש אַ קלאָג צו מיין מאַנספאַרשוין, אַ וועהטאָג צו איהם)! נו... אַלע מענ׳שען, וואָס זיינען נים קיין נקבות, זיינען מאַנספאַרשוינען, הכלל, זיינען אַלע בערל חאַנטשעס!

— ניין, ברודער בערל! נאָר דיך נישט! דו ביזט אַ מאַנספאַרשוין, דו ביזט אַ איד, אמת; נאָר נישט דו ביזט דער מאַנספאַרשוין, נישט דו ביזט דער איד! דו ביזט עפּס אַנדערש; דאָס איז נאָר אַ צולאָג, אַ צוגעגעבענע זאַך!; אָבער נישט דו אַליין...

— איך רעד מיר איין, אַז איך בין אַ בטלן, אַ משוגע׳נער, אַ יתום, און אומגליקליכעס מאַנספאַרשוין... נאָר בטלנים, משוגעים, יתומים זיינען דאָ אַ סך, אפשר אַזוינע מאַנספאַרשוינען ווי איך בין — וועניגער; נאָר דאָ איז, אַ דאגה, אפשר אין אַן אַנדערע שטאָדט, אפשר אין אַמעריקא, נו זיינען אַלע איינס? חס ושלום, יעדערער פאַר זיך!...

— נו, ווער זשע בין איך, צו אַל־די שווארצע יאָהר!

— עס האָט געמוזט אין מיר אריין אַ דבוק, עס מוז עמיץ זיצען אין מיר און קלערען איבער מיר, און

מיר דאכט זיך: איך אליין קלער! א והא ראיה, ווען איך אליין האב כח (א גאנצע וואך, אויסער מאנטאג און דינסטאג) האט יענער אויף מיר קיין שליטה ניט, און איך קלער ווניגער! און באמת, די חקירה איז, אז קיין שום מענש אין דער וועלט קאן נישט קלערען זיך אליין! — ווי הייסט, איך וויל מיך משיג זיין? איך וויל מיך ארויסרייסען פון מיר ארויס, אוועקשטעלען „איהם" אין א זייט, „ער" זאל קוקען אויף מיר! „איך", „ער" זאל קוקען אויף „ער", „איך"...

— כא, כא, כא! ווי הייסט! זאל איך מיר נאר בארעכענען!... עפעס ווערט מיר ווארים אין מות!...

(ער איז צוגעלאפען צום כיור, אפגעגאסען זיך מיט קאלט וואסער, פון אונטער'ן אויווען ארויסגע־שלעפט א שמאטע, און שטייף זיך ארומגעבונדען דעם שטערן).

אצינד וועט עס געהן. נאך אמאל!.. א י ך וויל וויסען, ווער איך אליין בין...

— וואו זאל איך קוקען, אראפ צו ארויף? רעכטס צי לינקס?... א י ך בין דאך אין מ י ר. ווען איך, למשל, קריך ארויף אויפ'ן ארון קודש, בין איך אין גאנצען אויווען, איך וועל אונטען גארנישט איבערלאזען; לאז מיך לויפען אין קעלער אריין, וועל איך זיין אין גאנצען אונטען... ווי זשע קאן איך קוקען אויף מיר?!

היכא דמי?!

— ווער זשע זיצט אין מיר, ווער קלערט פאַר מיר?

— און עפּעס זיצט דאָך פאָרט... הא?...

— איך ווייס דאָך, אַז ווען עס זיינען געלעגען ביי דער שמש'טע אומגעצעהלטע קיכלאך און איך האָב שוין דריי טאָג קיין מאכל ניט געהאַט אין מויל, האָב איך גאַנץ שטאַרק חשק געהאַט אָראָפּצושניפּען אַ קיכעל... נאָר איך האָב געזאָגט: ניין! מען טאָר ניט! נישט מיין... דערנאָך האָב איך געפונען טויזענט תירוצים.. „די שמש'טע האָט געגוג פאַרדינט אָן מיר, זי מאָג מיר געבען אַ צולאָג", „איך זאָל זי בעטען, וואָלט זי מיר אַליין געגעבען", „איך וועל איהר מיט גאָטס הילף אַמאָל באַצאָהלען..." נאָר איך האָב אַלץ געזאָגט: „ניין, מען טאָר נישט", און עס איז געבליבען נישט!... פריהער איז געגאַנגען איינס נאָכ'ן אַנדערען, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך אַליין פרעג און איך אַליין ענטפער, נאָר דערנאָך, שפּעטער אַ ביסעל, כאָטש תוך כדי דבור, נאָר דערנאָך איז עפּעס אַנדערש געוואָרען, עס איז געוועזען צוזאַמען, יאָ און נאָך, ניין און יאָ, און ווייטער ניין! עס איז געוואָרען אַ מחלוקת, און נישט איז געוואָרען, — ניט ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אָדער דעם חשק פאַרלאָרען! ניין, נאָר די האַנט האָט זיך ניט געקענט ריהרען: זי האָט ניט געוואוסט וועמען צו פאָלגען... אַ והאָ ראיה, איך בין דערנאָכדעם עפּעס שטאַרק מיד געוואָרען, ווי נאָר אַ גרויס מחלוקת, ווי נאָך אַ גרויסען וכוח מיט יונה לאָקש, וואָס וויל מיר אַלס איינרעדען, אַז דער גאון זיצט

אין גן עדן מיט א פארראצטע בארד, ווייל ער האט ניט געהאלטען פון חסידות!

— אזא פערד!.. נאר מיד בין איך געוועזען; איך דערמאן מיך גאנץ זיכער, זיכער! דאס אייגענע איז געוועזען פורים, ווען איך האב געטראגען פון פרץ פיינהאלץ, פון גביר, דעם רב משלח מנות. איך האב געהאט א פול מויל מיט וואסער, די צונג איז מיר ארומגעלאפען אין מויל משוגע, ווי איך לויף ציינד ארום אין ביהמ"ד. די הענט האט מיר געציטערט; א שטיק טארט, מאקאראנעס, עפעס נאך עטליכע מינים... איך נאשער האב געוואלט, איך עהרליכער מאן האב נישט געוואלט!...

— מען זאגט: „יצר הרע", „יצר טוב", לאז זיין אזוי, אבער סיי ווי סיי בין איך נאר א דירה, וואו עס וואוינען צוויי קאמערניקעס, איינער הייסט: יצר טוב, און דער צווייטער — יצר הרע. ניט אזוי? ווייטער די מעשה מיט די נעמען... אבער ווער זיינען זיי? ווער בין איך?!

— איך בין א דירה, איך בין דער גוטער קאמערניק, איך בין דער שלעכטער קאמערניק. אלץ איך, און דערצו ווייל איך וויסען ווער איך בין?! כא, כא, כא! — שא! נעכטען ערשט, דער עולם האט געלאכט, וואס איך בין געבליבען שטעהן אויף איין ארט, אפשר א שעה! א י ך ו ו י י ס וואס איך בין געשטאנען! איך האב ניט געקאנט געהן: מען האט געהאקט האלץ אויפ'ן שול-הויף, האב איך

געוואַלט געהן פּרואווען צי קאָן איך אַ פּאַליענע צו־האַקען, צי קאָן איך אַרבייטן... איך האָב אָנגעהויבען צוגעהן; עס איז געווען צוויי בענק: אין דער זייט אַ באַנק, אין יענער זייט אַ באַנק. דאָ דרעמעלט מען, אז מען הייצט אין באָד, הייבט מיך אָן בייסען דאָס גאַנצע לייב און איך וויל צוגעהן צו מיין קעס־טעל, אַרויסשלעפּען מיין בעזימעל און געהן אין באָד אַריין... געגענאיבער האָט זרח מלמד דערצעהלט יענקעל קעצלען, אַז אין „בעל עקדה“ איז דאָ אויף דער היינטיגער סדרא אַ פּלאַי פּלאָים דרוש און איך וויל מאַקי שוין וויסען, וואָס זרח מלמד איז געפעלען און צולויפען צו דער מזרח־וואַנט און אַראָפּכאַפּען דאָס ספר... בין איך מאַקע געשטאַנען! די פיס האָ־בען ניט געוואוסט וועמען צו פאָלגען: צי דעם בערל חאַנטשעס, וואָס וויל געהן האָלץ האַקען, צי דעם בערל חאַנטשעס, וואָס וויל געהן אין באָד אַריין, ווייל עס בייסט איהם, צי דעם בערל חאַנ־טשעס וואָס וויל וויסען, וואָס זרח מלמד איז געפע־לען!... בין איך מאַקע אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז איך האָב מיך דערמאַנט, אַז איך האָב נאָך קיין מנחה נישט געדאַוועט!

— נו, על כן? וואוינען אין מיר שוין פיר פּאַרשוין! אַ האָלץ־העקער, אַ בעל־עקדה'ניק, אַ בע־דער און דער לעצטער אַ מנחה־דאַוונער, וועלכער האָט אַלע אַרונטערגעיאָגט אונטער'ן אויווען, זיי זאָ־לען קיין פּיפּיש ניט געבען, נאָר ער האָט צו שאַפען, און די פיס מיינע האָבען איהם געפאָלגט, צוגעגאַנ־גען צו דער וואַנט און געדאַוועט!

— א שטיקעל אמת שטעקט דערינען... ווארים זיי האבען זיך נאר באהאלטען אונטער'ן אויווען ער־געץ, אבער זיי האבען פון דארטען ארויסגעקוקט... זיי האבען געוואונקען צו מיר... און האבען מיך מבטל געוועזען: אין מיטען שמונה עשרה האב איך אלץ אין זינען געהאט: האלץ האקען, שמייסען זיך אויף דער העכסטער באנק אין באד, און להבדיל בין אלף אלפי הבדלות, זיינען מיר געלגען אין קאפ דעם בעל עקדה'ס דרשות אויך!...

— נו, א כלל? וואס העלפט דער יצר טוב מיט'ן יצר הרע, אז איך בין אמאל דריי, און אמאל פיר!

— ניין, ניין! איך פיהל, אז „איך" אליין בין עפעס א גארנישט! איך אליין וואלט גאר ניט גע־לעבט. איך אליין, ווען איך לעב אפילו, וואלט איך מיך אין דער פריה אפילו פון דער באנק ניט אויפ־געהויבען, איך וואלט געלעגען ווי א גולם עד סוף כל הדורות... איך בין טאקע א גולם, א י ך האב קיין נשמה נישט; נאר אלץ ארום לעבט, אלץ ארום האט א נשמה, און די נשמות לאזען עפעס ארויס אזוינע לאנגע, דינע, שפיצי פעדימלאך, שטראהלען, וואס כאפען זיך און טשעפען זיך אין מיר; וואס קריכען אין מיר אריין, וואס ריהרען מיך, שטעלען מיך אויף די פיס, הייסען מיך געהן, טאן, לויפען... איך אליין בין גארניט!

ווער דען־זשע קלערט? הא? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווייטער א פרעמדער? נ י ש ט איך?

— נו, זאָל זיין אַ פּרעמדער! ווער זשע איז ער? ווי קומט ער צו מיר? צי בין איך אַ שטייג און ער — דאָס פויגעלע?... דוד המלך, עליו השלום, זאָגט: יונתי מיין טייבעלע! — ווייל דאָס טייבעלע האַלט האַקען, אין באָד אריין געהן, אראָפּ׳גנבע׳ענען פונ׳ם משלח מנות, אוועקשניפּען אַ קיכעל ביי דער שמש׳טע, און תוך כדי דבור זעהן דעם בעל עקדה׳ס דרשה?... פּע, טייבעלע, נישט שעהן! ביזט דו עס, מאַנסטו זיך שעמען!

— כאַ! כאַ! כאַ! בערל חאַנטשעס איז אַ טוי־בעלע, אַ פויגעלע! בערל חאַנטשעס האָט אַ קליין פּיסקעלע מיט פליגעלאך! בערל חאַנטשעס וועט אַמאָל ארויספליהען פון דער שטייג...

— נו, בערל חאַנטשעס, דעמאָלט וועסטו אויך קלערען ווער דו ביזט? אויך זיין אַ יתום, אויך זיין אַ בטלן, אויך זיין משוגע?

— אַ ודאי! ווער דען? די שטייג איז משוגע? די שטייג איז אַ יתום?

— רבונו של עולם! ווער בין איך פּאַרט?

נאָך מאַרק טווען

די געפאהר פון שלאָפען אין בעט

נאכדעם ווי איך האָב איבערגעלעזען די יעהרליכע סטאַטיסטיקס פון פערשיעדענע אונגליקספעלע אויף די אמעריקאנישע באהנען, בין איך געקומען צום בעשלוס, אז די גרעסטע געפאהר איז צו ליעגען אין בעט.

לעצטעם יאהר האָב איך גערייזט 20 טויזענד מייל, מייסטענס מיט'ן באהן. מיט א יאהר בעפאר האָב איך גערייזט איבער 25 טויזענד מייל, האלב מיט שיפען, האלב מיט באהנען און, צונויפרעכענדיג אלע קליינע נסיעות, וואס איך האָב געמאכט פון צייט צו צייט, קען איך זאָגען, אז איך האָב גערייזט ש ט א ר ק ע זעכציג טויזענד מייל. און דורך דער גאנצער צייט בין איך אפילו איינמאָל ניט גע'הרג'עט געוואָרען.

פאר א לאנגע צייט האָב איך געזאָגט צו זיך: „איצט, אז דו האָסט זיך שוין ארויסגעדרעהט פון שיקזאל'ס הענט אזא שטיק צייט, וועסטו שוין ענדליך מוזען געהן צום טאַנץ. דאָס שיקזאל האָט פיינט חכמות". יעדע נאכט פאר'ן שלאָפען געהן האָב איך זיך בעזאָרגט מיט אן „עקסידענט-פאליסי„, וואָס איז געווען גוט בלויז אויף א י י ן נאכט. אבער מיין געלד איז געווען ארויסגעוואָרפען. יעדען פריהמארגען בין איך אויפגעשטאַנען פריש און געזונד און מיטביידע פיס. איך האָב דארום בעשלאָסען צו קויפען 30 פאליסים מיט אמאָל. מיין חשבון איז געווען, אז

אפילו אין דער לאָטעריע געווינט אויך איינער פון דרייסיג.

אָבער איך האָב געהאט א ביטערען טעות. אמת, יעדען טאָג האָב איך געלעזען וועגען הונדערטע באהן־אונגליקען, אבער מיך האָבען זיי אבסאָלוט איגנאָרירט. איך האָב זיך געכאפט, אז איך האָב שוין פערשווענדט א גרודע מיט גאָלד אויף די „עקסידענט־ביזנעס". אבער אָהן רעזולטאט. איך האָב געקראגען א חשד אויף די גאנצע ביזנעס און האָב זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען ביי מענשען. איך האָב אויסגעפונען, אז פיעלע האָבען אריינגעלעגט געלד אין דעם מסחר, אבער קיינעם פון זיי האָט זיך ניט געטראָפען קיין עקסידענט. איך האָב אויפגעהערט קויפען פאָליסים און גענומען חשבון'ען. דער רעזולטאט איז געווען איבערראשענד: די געפאהר איז געווען ניט אין רייזען, נור אין ליגען אין בעט.

איך האָב צונויפגעשקראָבעט אלעריליי סטאטיסטיקס, און בין געווען איבערראשט אויסצוגעפינען, אז אין 12 חדשים האָבען בלויז 3 הונדערט מענשען פערלוירען זייערע לעבענס אין באהן־אונגליקען. אויף די „אירי" ליניע, האָב איך אויסגעפונען, זיינען געהרג'עט געווארען עפּעס ארום 46 אָדער 23 — איך געדענק שוין ניט אקוראט, אבער איך געדענק, אז די צאָהל איז געווען דאָפּעלט פון די עקסידענטס, וואָס זיינען געשעהן אויף אנדערע באהן־ליניעס.

רעכנענדיג ווייטער, האָב איך אויסגעפונען, אז צווישען ניו־יאָרק און ראָטשעסטער האָט די „אירי" געהאט לויפען 8 טריינס יעדען טאָג — אהינצו, און צוריקוועגס אויך דאָס זעלבע. דאָס הייסט, זעכצעהן, און טעגליך זיינען דאָרט געפאָהרען א 6000 מענשען.

דאָס הייסט, ארום א מיליאָן אין זעקס חדשים — אונ־געפעהר א פיערט־חלק פון די איינוואוינער פון ניו־יאָרק. אלזא, די „אירי“ הרג'עט ארום 23 פון א מי־ליאָן אין זעקס חדשים, וועהרענד אין דער זעלבער צייט שטארבען אין ניו־יאָרקער בעטען פון יעדען מי־ליאָן מענשען ארום צעהן טויזענד! א סקרוך איז מיר אריבער איבער'ן לייב, מיינע האָר האָבען זיך מיר געשטעלט דובאָם! „דאָס איז שרעקליך!“ — האָב איך געזאָגט — „מעהר וועל איך ניט שלאָפען אין א בעט!“

איך האָב אויסגערעכענט זעהר גענוי דעם שטח פון די „אירי“ ליניע. עס איז געווען דייטליך, אז זי פיהרט וועניגסטענס 12 טויזענד מענשען יעדען טאָג. די אנדערע באהן־ליניעס טהוען נאָך בעסערע ביזנעס. איך האָב דעריבער אויסגערעכענט, אז פינף און צוואנציג פארשוינען א טאָג פאר יעדע ליניע וועט ניט זיין צופיעל. אין די יונייטעד סטייטס זיינען פאראן 846 באהן־ליניעס, מאכט דאָס אויס אזוי גרויס ווי 2,115,0000 א טאָג, הייסט דאָס, זעקס הונדערט און פופציג מיליאָן א יאָהר — א חוץ שבתים. יע, אזוי איז דאָס, כאָטש עס איז ניט לייכט צו פער־שטעהן, וואו זיי קריגען דעם „רויהען מאַטעריאַל“. ווארים אין גאנץ יונייטעד סטייטס זיינען לויט מיין קענטניס אין מאטהעמאטיקע, ניט פאראן אזוי פיעל מענשען. משמעות, אז זיי געברויכען מאנכע לייטע צוויי מאל פאר דעמזעלבען צוועק.

אין דער צייט, וואָס ניו־יאָרק האָט געהאט א בע־פעלקערונג פון בלויז א מיליאָן, פלעגען דאָרטען, על פי חשבון, פארקומען א 25 טויזענד שטערבע־פעלע

דורכ'ן יאָהר. דאָס הייסט, אלזאָ, אז פון יעדען מיל־יאָן מענשען — מוזען 25 טויזענד שטארבען. דאָס איז אונגעפעהר א פערציגסט־חלק פון דער בעפעלקערונג פון די יונייטעד סטייטס. אלזאָ, א מיליאָן פון אונז שטארבען אוים יעדען יאָהר. פון דיעזער צאָהל געהט אראָפּ צעהן אָדער צוועלף טויזענד מענשען, וואָס ווע־רען געשטאכען פון דער שווארצער האנד, געהאנגען, דערטרונקען, פערגיפטעט, אָדער ווערען גע'הרג'עט דורך אן עהנליך־פּאָפּולערען וועג: פערשאָטען אין די קוילען־מיינס, פערברענט אין די שעפער, אָדער קרי־גענדיג דעם שלאַג ביי איינער פון די פּאָפּולערע לעק־טשורס, נעהמענדיג מעדיצין, אָדער בעגעהענדיג זעלבסטמאָרד אויף אן אנדער אופן. די „אירי" הרג'עט פון 23 ביז 46 מענשען, די אנדערע 845 רייל־ראָוד־קאָמפּאַניעס הרג'ענען אונגעפעהר א פערטעל פון יעדען מענשען, און די איבעריגע פון דעם מיליאָן, א נייַן־הונדערט זיעבען־און־אכציג טויזענד זעקס הונ־דערט און איין־און־דרייסיג אמעריקאנער בירגער שטארבען יעדעם יאָהר אין זייערע אייגענע בעטען.

דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג.

און מיין ראטה צו אלעמען איז דארום: פער־בלייבט ניט אין דער היים לענגער ווי איהר זיינט אבסאָלוט געצוואונגען דערצו. אבער ווען איהר מוזט שוין זיצען אין דער היים, דאן קויפט זיך א פּעקעל עקסידענט־פּאָליסים און לעגט זיך ניט שלאָפען. מען קען גאָר ניט זיין צ ו פאָרזיכטיג אין אזעלכע זאכען.

ראַדאַ ראַדאַ

יעדער ציגיינער לויבט

זיין פערד

(איבערזעצט פון ל. קעסנער)

נו, אלטער הערר, דו שטוינסט ? אהא !
דו מיינסט, דאָס איז אַ טרוים אזא...
איך וויים, איך וויים ! —
אזאַ מין פערד,
ניטאַ קיין צווייטעס אויף דער ערד.
וואָס זאָג איך פערד ? — ס'איז האלב
אַ שוואלב
און האלב אַ בער:
אי לייכט אי שווער.
טהו אוים די בריל, מיין ליעבער הערר,
בעקומט ער ניט — פערגעסט ער.
און שטאָט צו שטעהן
און קוקען, שטוינען,
אַ פרייז זאָג בעסער
(גרייט אַן דינארען, צוויי־דריי פעסער)
און איך וועל זעהן
צי ס'וועט זיך לוינען.

אזוי ? דו פרעגסט גאָר צי דאָס פערד
איז עפּעס ווערטה ?
אַ פערד וואָס שטעהט איין ביי ציגיינער,
מוז זיין אַ פיינער !

דער קייזער זעלבסט וואָלט פּלאַצען,
ווען ער וואָלט איהם דערזעהן.
צו ד י י ן גליק, ליעבער קונה מיינער,
מוז ער גאָר שטעהן
ביי אַ ציגיינער,
וואָס וויים איהם ניט געגוג צו שאַצען!

ווען איינער פון די געלד־מאַגנאַטען
וואָלט איהם בעשאַטען מיט דוקאַטען,
וואָלט אַלץ מיין פערד
געווען נאָך מעהרער ווערטה.
בעקומט ער פוטער — פרעסט ער.
בעקומט ער ניט — פערגעסט ער.
צי גיסטו האָבער איהם, צי היי,
צי שטרוי, צי האָלץ, צי קליי, —
צו אַלעם האָט ער אַפּעטיט.
און גיסטו ניט — איז ניט.
דו מעגסט אַ יאָהר איהם גאָר ניט געבען.
מיין פערד וועט לעבען!

צו וואָס איהם קוקען אין די צייהן?
געוויס, געוויס,
מיין פערד'ס געביס
איז ניט בעזאָנדערס שעהן.
דאָך אורטייל ניט דערפון
אויף זיינע יאָהרען.
ער קען מיט הונדערט פודען לאַסט
אין גרעסטער האַסט
ארויף אַ בארג דיר פאָהרען!
מיין פלינקער שפּרינגער
איז זעהר יונג,

און ווערט אלץ איינגער
מיט יעדען שפרונג.
נו, ווערסט איהם קויפען?
ס'איז שפעט, כ'מוז לויפען!

צי ע ר קען שפרינגען איבער גריבער?!
מיין האר, מיין ליעבער,
און מעג א גרוב זיין ווייט
פון זייט צו זייט
ווי דער מאראווא־פלוס,
(דו זעהסט איהם דארטען גלאנצען?)
וועט איהם מיין סוס
מיט איין פוס
אריבערטאנצען!
און, ליעבער העררר, געדענק:
ער שפרינגט אריבער
די טיעפסטע גריבער
ווי ער שטעהט און געהט,
און ניט בלויז אין דער ברייט,
נור אויכעט אין דער לענג...

דו ברויכסט צו איהם קיין זאטעל ניט!
מיין אדלער'ס רוקען האט א שם:
ער איז אי שטארק אי ברייט, בעקוועם.
דו שפירסט קוים זיינע טריט.
דו ברויכסט צו איהם קיין לייצעס.
דו זעצט זיך בלויז אויף זיינע פלייצעס
און מעגסט, אויב דו ביזט מיר,
ארייכאפען א דריטעל.
מיט פעסטע טריט
וועט דיך מיין שימעל

שוין אָפּפיהרען צום ציעל —
ביי איהם איז דאָס אַ קינדער שפּיעל!

צי כ'האָב איהם ניט, פרעגסטו
גע'גנב'עט ערגעץ וואו?
מיט דיזער פראַגע, הערר,
בעליידיגסטו מיך שווער.
ציגיינער זיינען, ווי בעקאַנט
די עהרליכסטע אין גאַנצען לאַנד...

דו זאָגסט, אַז ער האָט בלינדע אויגען?
ס'איז ניט געשטויגען, ניט געפלויגען!
בעטראַכט זיין אויג: ס'אַ גלאַנץ, ס'אַ פּראַכט!
מיין פערדעל בעסער זעהט ביי נאַכט
ווי אַנד'רע פערד ביים ליכט —
ער האָט אַ דאָפּעלטען געזיכט:
אויף איהם צו רייטען,
איז מען בעוואָרענט
פון אַלע זייטען.
ער איז אַ וואונדער פערד אַן עכטער:
ער זעהט פון הינטען ניט פיעל שלעכטער
ווי פון פאָרענט...

צי האָט ער עפּעס אַ חסרון?
אַז ווען צו מיינע יאָהרען!
אָט דאָס איז טאַקע מיין פערדרוס:
קיין איינציג פעהלער האָט מיין סוס!
ווי פּאַסט אין אַ ציגיינער'ס שטאַל
אַזאַ מין פעהלערלאָזער פערד?...
דאַרום פערקויף איך איהם. הכלל,

איך זעה דאך, אז עס איז בעשערט
אז דו זאלסט כאפען א מציאה
דעריבער מאך איך קיין מניעה
און גיעב דיר איהם, גאר ניט געקלערט,
פאר וועניגער, ווי ער איז ווערטה.

דו פרעגסט גאר, צי ער לויפט געשווינד?
מיין שפרינגער
איז שנעלער ווי דער ווינד,
און ווי דער רעגען פלינקער!

אנומעלטען, איך רייט אין טהאל,
ווען מיט א מאל
עס הויבט אן בליצען
און רעגען־טראפען שפריצען.
איך טהו א ציטער:
עס קומט פון הינטען א געוויטער!
איך גיב מיין פערד א טרייב:
גאלאפ! אהיים צו קינד און ווייב!
מיין פערדעל האפ־האפ־האפ!
אין ווילדעסטען גאלאפ,
און הינטער אונז יאגט נאך
דער דונער און דער וואלקען־בראך...

מיר זיינען באלד צו הויז,
איך שפאן מיין פערדעל אויס,
און גלעט איהם איבער'ן רוקען —
און הערט א שפאס:
מיין פערדעל איז אין גאנצען טרוקען,
זיין עק בלויז איז אביסעל נאס...

משה נאַדיר

אויפגעגעסן אַ ביזנעס

(אַ מעשה ווי אַזוי צוויי יונגע־לייט האָבן אויפגע־
געסן אַ ביזנעס אין צוויי שעה)

מיינער א בעקאנטער דערצעהלט:

מיט פרוזדאק׳ען האב איך אמאל געארבייט צו־זאמען ביי א פאטאגראפשטשיק. איך האב זיך גע־פיהלט זעהר נאהענט צו איהם, ווארים ער איז געווען זעהר עהנליך צו מיר סיי אין אויסזעהן, סיי אין כא־ראקטער: ער — א הויכער, איך — א הויכער; ער האט געהאסט דעם באס, ווי א חזיר, — איך אויך; ער האט פיינט געהאט צו ארבייטען, איך האב אויך ליעב געהאט ארומצוגעהן לעדיג; ער איז געווען א גרוי־סער ליעבהאבער פון דער נאטור, און איך בין פון דער נאטור אויך געווען א גרויסער ליעבהאבער; ער פלעגט רעגעלמעסיג בעוואונדערען די מיטען־נאכט־זון אויף די „פיארדען", וועלכע ער האט קיינמאל ניט געזעהען, און איך פלעג אויך סיסטעמאטיש זיין ענטציקט פון דעם זונען־אונטערגאנג אויף די אלפען, וועלכע איך האב אויך קיינמאל ניט געזעהן.

נור אין איין זאך האבען מיר זיך שטארק אונ־טערשיידעט: ער פלעגט אפט אונטערהוסטען מיט א ניגון און מיט א כריפ, און איך האט עטליכע מאל געפרופט הוסטען, אבער אהן ערפאלג.

עס איז איבריג צו זאגען, אז אונטער די היינ־טיגע סיסטעמע איז פאר אזעלכע צוויי אידעאליסטען,

ווי מיר ביידע, שווער געווען צו עקזיסטירען. און טראַץ דעם וואָס מיר זיינען געווען ווילינג ארומצוגעהן לייידיג אפילו א יאהר, אבי זיך צו דערשלאָגען צו אַזאַ דזשאב, ביי וועלכען מען זאָל ניט דארפען ארבייטען, האָט זיך עס אונז דאך ניט איינגעגעבען.

איינמאָל זיצען מיר אזוי אין אונזער רומקע, רופט זיך צו מיר אַפּ פּרוזדאק:

— וויסטו וואס מיר איז איינגעפאלען, עליע?

— וואס איז דיר איינגעפאלען פּרוזדאק?

— מיר איז איינגעפאלען, עליע, אז מיר זאָלען האנדלען מיט פּעטענט־מעדיצינס.

— ס'איז גאָר ניט קרום! — זאָג איך — אָבער וואו נעהמט מען געלד?

— געלד? — זאָגט ער — מען דאַרף ניט קיין געלד!

— דאָס איז שוין גלאַט געפּאַנפּעט — זאָג איך — וואָס הייסט, מען דאַרף ניט קיין געלד?

— אזוי הייסט! — זאָגט ער, און ער צערלעגט מיר דעם גאנצען פּלאַן אויף א טעלער — כהיות — זאָגט ער — אזוי ווי אין די צייטונגען איז אַפּט אדווערטייזט, אז מען גיט אוועק „סעמפּעלס מעדיצינס" פריי, בכן — זאָגט ער — וועלען מיר אָנקלייבען א סך אזעלכע מעדיצינען, און דערנאָך וועלען מיר זיי פערקויפען צו קאַסטאַמערס, און מאַכען געלד ווי בלאָטע.

געפעלט מיר דער פּלאַן און מיר גיבען זיך די הענד, אז דאָס געשעפט וועט געהן בשותפות, און וויפיעל גאָט וועט צושיקען, וועלען מיר זיך טהיילען העלפט אויף העלפט.

— לאָמיר זיך טאַקע באַלד אַ נעהם טהאָן צו דער ארבייט — מאַכט מיין פּרוזדאק, און מיר זעצען זיך גלייך אַוועק און צושרייבען עטליכע הונדערט פּאָסטעל־קאַרדס פאַר פּרייז סעמפּעלס.

אין עטליכע טעג ארום האָט די פּאָסט אָנגעהויבען ליפערען די סחורה: שמירעכצער, וואַסערלאַך, פּאָמאַדעס, פּילען — קליינע, מיטעלע און גרויסע קאַפּסלען, פּראַשקעס, פלעשלעך, סלאָיעקלעך, פּלאַסטערס — אַ רעגעלע דראָג־סטאָר.

מיין פּרוזדאק איז ניט קיין פוילער, ער צופּאַקט דאָס אַלעס ווי געהעריג איז, לעזט איבער די צעטעלעך און צושטעלט דאָס אויפ׳ן טישעל מיט אַ סדר: פלעשלעך צו פלעשלעך, סלאָיעקלעך צו סלאָיעקלעך — און יעדע קראַנקהייט בעזונדער: מאָגען־קראַנקהייט — הינטען, מערידען — פאָרענט, ווייבערשע קראַנקהייטען — רעכטס, אויערען, האַרץ און לעבער — לינקס א. ז. וו. בקיצור, אַלעס איז געווען אויפגעפּיקסט אין דער בעסטער אָרדנונג, כמעט ווי אין אַן אַפּטייק, נור קיין קאַסטאָמערס זיינען ניט געקומען.

— שלעכט !

— פּאַסקודנע !

— ווייסטו, וואָס מיר איז שוין ווידער איינגעפאַלען — מאַכט פּרוזדאק.

— וואָס ? — פרעג איך.

— אַזוי ווי קיין קאַסטאָמערס קומען ניט און אַזוי ווי די וואַרע קען נאָך קאַליע ווערען פון דעם הייסען וועטער, זאָלען מיר דאָס אַליין פערנוצען פאַר זיך.

— אָבער וואָס טויג מיר דיינע מעדיצין — זאָג איך — מיר פעלט אַרוים דאָס האַרץ נאָך אַ שטיקעל

ברויט. איך בין טוידט־הונגעריג.

— איך שטארב אויך נאך א ביסען — מאכט ער — אבער מיט עטליכע באקסלעך פילען קען מען אב'פטר'ען א גאנץ פיינעם מאהלצייט.

האבען מיר גענומען שלינגען פילען. איך א פיל — ער א פיל. אזוי פאמעליכען האבען מיר אויס־געשלונגען אלע זעקס באקסלעך פילען — מייסטענס פאר פערשטאפונג.

— און איצט — זאג איך — לאמיר עפעס פערטרינקען. ער האט גענומען דאס ערשטע פלע־שעל, וואס איז איהם געקומען צום האנד און גע־נומען זופען — ער א זופ — איך א זופ.

אז מיר האבען אזוי אויסגעזופט אלע פלעש־לעך, האב איך געמאכט א פארשלאג, אז מיר זאלען זיך נעהמען צו די פראשקעס.

— העלפט אויף העלפט — מאכט פרוזדאק מיט א קול פון א מת און האלט זיך פאר'ן בויך.

— האב ניט מורא — זאג איך — איך וועל דיך ניט בעשווינדלען.

און מיר האבען גענומען טהאן די פראשקעס זייער רעכט: מיר א פראשיק — איהם א פראשיק, איהם א פראשיק — מיר א פראשיק, ביז מיר האבען אויסגעליידיגט אלע פאפיערלעך.

אז מיר זיינען פארטיג געווארען מיט דער סעודה, האבען מיר זיך בעשמירט די קעפ מיט סעמ־פעל־פאמאדע, און פון דער גאנצער אפטייק איז נאך געבליבען בלויז עטליכע פודעלעך זאלב — שווארצע און געלע און א 10—12 שווארצע פלאסטערס.

— וואס טהוט מען מיט ד ע ם? — פרעגט פרוזדאק, און לעגט זיך אויפ'ן בעט מיט'ן בויך

אראפ.

— וואס זאל מען טהאן? — זאג איך און לעג זיך אויפ'ן בעט פון יסורים — עס הויבט מיך אן נעהמען אינגוועניג...

— טהו זיך אוים — זאג איך — וועל איך דיך איינרייבען!

פרוזדאק האט זיך אויסגעטהאן, ווי די מאמע האט איהם געהאט, און איך האב איהם גענומען בע־ארבייטען מיט די שווארצע זאלב. דאן האט ער אויף מיר געמאכט דיזעלבע אפעראציע מיט דער געלער זאלב, און נאכדעם ווי מיר האבען זיך געגעגזייטיג אויסגעפלאסטערט די בייכער מיט די סעמפעל־פלאס־טערס, האבען מיר זיך אריינגעלעגט אין בעט אריין.

אין א פערטעל שעה ארום איז דאס גאנצע טע־נעמענט־הויז געוועזען אויף די פיס. מאנכע טענענטס האבען געמיינט, אז עס האט אויסגעבראכען א כאלע־ריע און האבען זיך געפאקט צו אנטלויפען. אנדערע האבען געשריען, אז צוויי „באיטשיקעס" האבען זיך פער'סם'ט... און דער דזשעניטאר איז געקומען צו־לויפען מיט אן עמער וואסער. באלד זיינען געקומ־מען צופליהען צוויי דאקטוירים, און ד'ערזעהענדיג אונזערע אויסגעפלאסטערטע בייכער, האבען זיי אונז גענומען פאמפען און לאכען... לאכען און פאמפען... אבער איך און מיין פריינד פרוזדאק האבען זיך גע־פיהלט אין א זעהר ערנסטער שטימונג.

— — — — — — — — — — — — — —

— און איצט — האט מיין בעקאנטער פער־ענדיגט — אז מען וועט אייך זאגען, אז א מענש קען אויפעסען א ביזנעס אין עטליכע טעג, זאלט איהר עס גלויבען...

ארקאַדי אווערטשענקאָ

דער מת

1.

אז איך בין נעכטען ארום 3 א זייגער אריינ־געגאנגען אין דעם אונטערשטען שטאָק פון א ביליגען רעסטאָראַן, האָב איך דערזעהן אין ווינקעל א דיקען מאן מיט טונקעלע האָר און מיט א פּנים פון אן אבל.

מיר האָבען זיך באלד דערקענט.

— אהא! — האָב איך א שמייכעל געטהאָן. — וואָס מאכט איהר? איהר געדענקט מיך?

— פאר וואָס זאָל איך נים געדענקען? ווען ניט איהר, וואָלט איך נאָך עד היום געפּוילט אין טורמע „פאר אריינפאָהרען מיט אן אויטאָמאָביל אין מאגאַ־זין אריין דורכ'ן פענסטער". יאָ, למאי זאָל איך לייק־ענען, א שאָפער בין איך נישט קיין פוינעלדיגער.

ס'איז צוגעגאנגען מיינער א גוטער פריינד. איך האָב איהם פאָרגעשטעלט דעם „שאָפער", און מיר האָבען זיך אלע דריי אוועקגעזעצט ביי איין טישעל. ס'האָט זיך אָנגעהויבען א שמועס.

— מיט מיר מוז זיך אלעמאָל טרעפען עפּעס א סבה, — האָט דער מאן געזאָגט זעהר ערנסט. — היינט בין איך אריינגעפאָהרען מיט'ן אויטאָמאָביל אין א מאגאזין; מארגען האָט מען מיך פערגעסען איי־נעם אליין אין טעאטער און פערשפּארט אויף א גאנצע נאכט; איבערמאָרגען שפּרינג איך אריין אין טייך צו ראטעווען א ברעט, וואָס ס'האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז זי איז א מענש. און איצט...

ער האט זיך צוגעבויגען צו אונז מיט א גע־הײמניספולער מינע.

— און איצט... ווייסט איהר וואס? איצט בע־וויזט זיך צו מיר א מת.

— א מת? — האבען מיר זיך שטארק פער־וואונדערט און אנגעהויבען ריידען זעהר שטיל. — ער קומט צו אייך? ביינאכט?

— ניין! פארוואס ביינאכט? ער קומט דוקא אין מיטען העלען טאג.

— וואס רעדט איהר? — האב איך אויסגערו־פען. — א מערקווירדיגע זאך! ער שרעקט אייך אין מיטען העלען טאג!

— ניין! פאר וואס זאל ער מיך שרעקען? ער וויל נאר דריי הונדערט קערבלעך.

— א פראקטישער מת! פאר וואס קומט איהם געלט?

— פאר'ן פוס און פאר'ן ארון! אז איך זאג אייך, מענשען זיינען קיינמאל ניט דאנקבאר פאר א טובה.

מיר האבען פון איידעלקייט וועגען ניט געוואלט שטעלען קיין פראגען, אבער ער האט אליין געפרעגט מיט א זיפץ:

— דערצעהלען?

— אודאי. דאס איז אזוי אינטערעסאנט. אז אמת'ער מת, וואס קומט אין מיטען העלען טאג.

— ניין, ווי זאל איך אייך דאס זאגען? קיין אמת'ער מת איז ער שוין ניט... אמאל איז ער טאקי געווען א מת... אבער נאכדעם... ס'איז אזוי פער־דרעהט, איך ווייס גאר ניט, פון וואס אנצוהויבען.

—נו? נו?

— ווייסט איהר, וואו איך האָב די לעצטע צייט געדיענט?

— מסתמא אין דיפּלאָמאַטישען קאָרפּוס? — האָט מיין פריינד געפּרופט טרעפען.

— געפונען א פּלאַץ! דאָס איז ניט פאר מיר געדראַכט!... ס'הייסט אז איך זאָג אייך, עס גליקט ניט איינעם, איז כאָטש צוריים זיך! שטעלט אייך פאָר, א מענש האָט געלערנט אין גימנאַזיע, געענדיגט דריי קלאַסען און צום סוף מוז ער געהן ווערען א מאָ־טאָר־מאַן.

— ווירקליך א טראַגעדיע! — האָט מיין פריינד א זיפץ געטהאָן. — נו?

— איך בין, פערשטעהט איהר מיך, מעהר גע־וואוינט צו אינטעליגענטע ארבייט. א שאָפער בין איך א קלאָגעדיגער און א מאָטאָר־מאַן בין איך געוועזען נאָך אַ ערגערער. אנשטאָט צו טהאָן מיין ארבייט, האָב איך געצעהלט די פענסטער אין די הייזער, געפּרופט איבעריאָגען די אויטאָמאָבילען — גלאט אזוי, צוליעב ספּאָרט, געלייענט די שילדען קאָ־פּויר.

— ווי אזוי, א שטייגער? — האָט זיך מיין פריינד פעראינטערעסירט.

— זעהר איינפאך. עס שטעהט, למשל, „זינגער'ס מאגאזין“, לייענט איהר ניזאגאם סרעגניז“.

— ניזאגאם סרעגניז, — האָב איך געשעפּ־משעט. — דאָס איז באמת אינטערעסאנט. מערק־ווירדיג! גידריוּוקרעם...

— וואָס?

— גידריוּוקרעם! מערקווירדיג!

— יא, ריכטיג. הקיצור, ווי איך האָב אייך שוין

געזאָגט, אנשטאָט צו טהאָן מיין ארבייט האָב איך געצעהלט פויגעלעך אין דער לופטען. טרעפט זיך אַ מעשה: איך פאָהר מיר אזוי מיט'ן טראַמוויי, געהט ארויס א לויה פון א זייטיגער גאַס, טראַכט איך: עך, ס'איז נאָך דאָ צייט, כ'וועל דורכלויפען, פּלוצלונג: טראַך! מיין טראַמוויי פאָהרט אריין אינ'ם וואָגען, דער ארון מיט'ן מת פליהט אויף די רעלסען, און איי־דער איך קוק זיך נאָך אום, אהא, דער ארון צופּלאַצט זיך אויף שטיקלעך און א ראָד האקט אָפּ פון'ם מת אַ שטיקעל פוס... יא, אָט געהט ער, דאַכט זיך, אהער.

מיר זיינען אויפגעשפּרונגען אין הוילע שרעק און זיך אומגעקוקט צו דער טהיר, וואו א נייער גאַסט איז אריין.

— ניין, דאָס איז ניט ער. נאָר האָט קיין דאגה ניט: ער וועט שוין קומען, דער קלעק. ער טרעט דאָך פון מיר ניט אָב, כאָטש גיב איהם א קרענק.

— נעניז נוף באָרא! — האָב איך געזאָגט צו מיין פריינד אויף א פערשטעלטער שפּראַך, כדי יע־נער זאָל ניט פערשטעהן.

אָבער דער מאָמאָר־מאַן האָט באלד אויפגע־כאַפּט, וואָס איך זאָג: קענטיג, ער איז געווען א מאָ־דים אין דער שפּראַך.

— איהר האָט א טעות, — האָט ער געזאָגט, — איך בין פון זינען ניט אראָב, איהר וועט זעהן, ער וועט זיך באלד קומען צושלעפּען. נאָר הערט ווייטער, וואָס ס'איז געווען. ווי נאָר מיין ראָד איז ארויפגעפאָהרען דעם מת אויף דער לאַפּע, — ווי ער הויבט זיך ניט אָן ריהרען און דריגען מיט די פיס און שרייען מיט בענומענע קולות! די דאָקטוירים, פערשטעהט איהר מיך, די אידיאָטען, האָבען ניט גע־

וואוסט, אז ער איז געלעגן אין הינערפּלעט.

— וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער צופאַל! — האָבען מיר אויסגעשריען.

— וואָס איז דאָ וואונדערבאַר? אַ געוועהנליכע זאַך. איך זאָג דאָך אייך, אז מיט מיר מוז זיך אַלע־מאָל טרעפען אַ סבה.

— נו, וואָס זשע איז געווען ווייטער?

— וואָס זאָל זיין? די נושאי המטה זיינען, ווי דער שטייגער איז, אנטלאָפען, די פערד מיט'ן ארון האָבען זיך אוועקגעלאָזט וואוהין די אויגען טראָגען, און די קרובים פון'ם הינערפלעטניק האָבען זיך אויף מיר ארויפגעוואָרפען מיט זידלערייען און קללות, אז ס'איז אַ חרפה צו דערצעהלען.

— פאַר וואָס קומען אייך קללות? — האָט זיך מיין פריינד פערוואונדערט. — איהר האָט איהם דאָך באמת מחיה מתים געווען!

— אָט דאָס זאָג איך דאָך טאַקי. אָט דאָס איז מיין טענה אויך. ער טשעפּעט זיך אבער: פאַר וואָס איך האָב איהם צובראָכען דעם ארון, פאַר וואָס איך האָב איהם צושעדיגט אַ פוס.

דער מאַטאָר־מאַן האָט אַ גלעט געטהאָן די וואָנסען און אין אַ ביטערער מעלאַנכאָליע אראָבגע־לאָזט דעם קאָפּ.

— איצט געהט ער צו מיר. איך זאָל איהם ניט אנדערש בעצאָהלען דריי הונדערט רובעל. די טראַמ־וויי־קאָמפּאַניע האָט זיך, נאַטירליך, ארויסגעדרעהט — דערויף האָט זי דאָך אדוואָקאַטען. אבער וואָס זאָל איך טהאָן? קיין אדוואָקאַטען האָב איך ניט, קיין געלט אויך ניט. און דער הינקענדיגער טרעט פון מיר ניט אָב. יעדען טאָג האָב איך דאָס פערגניגען איהם

צו זעהן. צוליעב מיר, זאָגט ער, קען ער איצט ניט פערדיענען, א קאליקע...

— פאר וואס זשע זאָלט איהר איהם ניט זאָגען, אז ווען ניט איהר וואָלט מען איהם בעגראבען אין דער ערד לעבעדיגערהייט?

— געזאָגט, געזאָגט! נאָר וואס העלפט עס? אז יענער האָט זיך איינגעשפארט ווי אן אָקס: ניט דיין געשעפט, זאָגט ער. אפשר, זאָגט ער, וואלט איך זיך גאָר אליין אויפגעכאפט, ווען מ'וואָלט אָנגעהויבען האלטען די רעדעס אויפ'ן קבר. מאלע וואס. איך, זאָגט ער, וואָלט געהאט גאנצע פיס אויך. איך... אי, געזאָגט זאָל איהם שוין ווערען אלדאָס בייז! ער געהט דאָך שוין ווייטער, דער שלאק. איהר הערט? ער געהט! איך דערקען איהם שוין אָן די קוליעס. ער האָט דערשמעקט אז איך בין דאָ, איז ער געקומען, און ער וועט שוין אָבנודיען א גאנצען טאָג, דער מיאוס'ער פגר!

מיר האָבען ווירקליך געהערט דאָס קלאפען פון קוליעס איבער דער שטיינערנער פאָדלאָגע. דער קלאפּען איז געווארען נעהנטער און נעהנטער...

2.

געווען איז דער מת א מאנספערשוין נאָך ניט קיין אלטער; זיין פנים איז געווען געל און די אונטערשטע ליפ ארויסגערוקט אויף פאָרענט, אקוראט ווי עפּעס איז איהם שטארק ניט צום הארצען. אונטער'ן ארעם האָט ער געהאלטען א קוליע. א שטימע האָט ער געהאט א בייזע, א ווארטשענדיגע.

—אהא! אזוי איז די מעשה! איהר מאכט זיך דאָ סעודות, טרינקט וויין און פערבייסט מיט טייערע פּאָטראַוועס! בעסער וואלט איהר מיר אָבגעגעב־

בען מיין בלוטיג געלט. נאכדעם מעגט איהר זיך הוליען מיט אייערע גוטע ברידער.

— העי, האלט דאס מויל! — האב איך אויסגעשריען מיט גראבקייט. — וואס טשעפעט איהר זיך צו דעם מאן? וואס האט ער אייך געטהאן?

— וואס האט ער מיר געטהאן? אדרבא, זעהט!

— האט דער הינקענדיגער אנגעוויזען אויף זיין פוס.

— קאליעטשען מענשען אומזיסט־אומנישט, — דערוויף איז ער א בריה.

— „מענשען!" — האט זיך דער מאטאר־מאן צולאכט. — אויך מיר א מענש! קאטאיעט זיך ארום אין אן ארון איבער די גאסען.

— אן ארון צי ניט, וואס פאר א פראווע האט איהר צו קאליעטשען?

— ממה נפשך, זענט איהר א מת, טא וואס טשעפעט איהר זיך; זענט איהר א לעבעדיגער מענש, טא פארוואס האט איהר ניט אייגעהאלטען די פערד? איך האב דאך געקלונגען און געקלונגען.

— איז וואס, אז איהר האט געקלונגען?

— ליעגט זיך אין ארון, ווי א גראף, און ס'זאל איהם כאטש אנהויבען אארען. אז מען קלינגט, דארף מען זיך היטען.

די לעצטע פראזע האט דער מאטאר־מאן ארויסגערעדט זעהר ערנסט, מיט'ן טאן פון א לעהרער.

— איהר רעדט, זייט מיר מוחל, ווי א טפש. ווען איך וואלט געקענט אנטרייבען די פערד, וואס פיהרען דעם ארון, טא וועלכער שווארץ יאהר וואלט מיך געשלעפט צום בית הקברות?

— און אז איהר קענט ניט אנטרייבען, זענט

איהר א מת, וואס זשע איז דאס פאר אן עובדה זיך אויפכאפען אין מיטען דערינען?

— איך בין דאך ניט שולדיג, וואס איך בין געלעגען אין הינערפלעט. און איהר האט זיך שוין דערפרעהט מיט דער מציאה. איהר מיינט, אז א מת, דארף מען איהם שוין איבערפאהרען מיט'ן וואגאן?

— „דרייהונדערט רובעל", — האט דער מאטאר־מאן געקנייטשט מיט די פלייצעס. — און דאס וואס מ'האט מיך אבגעזאגט פון מיין שטעל און נאך שטראפירט מיך אויף מיין גאנצע שכירות, — דאס איז ביי אייך גאר ניט? אדרבא, ווער וועט דאס מיר בעצאהלען?

— ענטשולדיגט! — האט זיך אריינגעמישט מיין פריינד, א זעהר מיושב'דיגער מענש. — ענטשולדיגט, הערר מאטאר־מאן, ווי וואלט געווען, ווען איהר וואלט אנגעפאהרען אויף אן אמת'ן מת, וואלט מען אייך אויך אבגעזאגט פון שטעל?

— אודאי וואלט מען מיך גישט אבגעזאגט! אט דאס טענה איך דאך! מאלע וואס עס טרעפט זיך מיט א מת! דא איז אבער אן אנדער מעשה. דא האב איך פארט צוקאליעטשעט א לעבעדיגען מענשען. האט זיך אנגעהויבען א סקאנדאל, מיט טענות, מיט תביעות...

— אויב אזוי, מיין הערר, — האט דער פריינד זיך זעהר ערנסט געווענדעט צום הינקענדיגען, — אויב אזוי, זענט איהר אליין שולדיג אין אלצדינג. איהר האט זיך ניט געזאלט אויפכאפען. איהר פערשטעהט דאך אליין: עס איז א קליינער אומגליק ווען א מת כאפט אמאל איבער'ן פוס. איהר האט אבער גע־

האנדעלט גאר ניט מעשה איידעלמאן: איהר זענט צוגעפאהרען שטילערהייט, בגנבה, אלס מת, און נאכ־דעם, אז מ'האט אייך, אזוי צו זאגען, ארויסגעשטופט פון'ם זאטעל, הויבט איהר פלוצלונג אן צו שרייען גאר ניט ווי א טויטער און טענה'ט, אז מ'האט אייך געשעדיגט אלס לעבעדיגען מענשען. דאס איז ניט שעהן.

— נו, גוט, זאל זיין אז איהר זענט גערעכט,— האט דער מת געענטפערט נאך א לאנגען טראכטען.

— אבער דעם ארון האט ער דאך אויך צובראכען? דער ארון קאסט געלט!

—וואס דארפט איהר איצט אן ארון?

— איצט דארף איך טאקי ניט, אבער שפע־טער וועל איך איהם דאך דארפען!

— וועט ער אייך דעמאלט קויפען.

דער געוועזענער מת האט זיך אויסגעדרעהט צום מאטאר־מאן.

— וועסט קויפען?

— מיט פערגעניגען!

— אויב אזוי איז גוט. היים זשע כאטש דער־לאנגען א גלעזעל וויין. כ'האב דאך ביז אהער ניט געזעהען פון דיר וואס א האר ווערטה איז.

— אך, מיט'ן גרעסטען כבוד!

דער מת איז געווען זעהר ענטציקט פון מיין פריינד'ס בערעדעוודיגקייט; ער איז אפילו אביסעל פרעהליכער געווארען, און עפעס א האלבער שמייכעל. ווי די זון צווישען וואלקען, האט זיך בעוויזען אויף זיין פנים.

— לחיים! לחיים! דאס נייי־געבוירענע קינד

זאָל אונז וואקסען אין עושר און אין כבוד! — האָט מיין פריינד געזאָגט.

— אַ שאָד נאָר דער פוס, — האָט דער מת גע־זאָגט. — געווען אַ גאַנצער, איצט טויג ער אויף כפּרות.

— ניש׳קשה, ניש׳קשה. אייניגע קומען אויף דער וועלט אָהן האָר און אָהן צייהן, אַנדערע — אָהן אַ פוס. אַזוי איז בעשערט פון זיין ליעבען נאָמען.

— הוראַ! — האָט דער מאָטאָר־מאַן אויס־געשריגען.

ס׳איז געווען לעבעדיג.

מ׳האָט געעקנט זעהן, אַז מיין פריינד און דער מת וועלען שוין זיין גוטע ברידער.

ווען מיר האָבען בעצאָהלט אין רעסטאראנט און זיך געשלעפּט איבער׳ן גאַס מיט אונזיכערע פיס, האָב איך געזאָגט צום מאָטאָר־מאַן אויף זיין פער־שטעלטער שפראַך:

— סעם מעד טרעטאפעג! — אה, אה!

— קנאדא! — האָט יענער געענטפערט אַ גע־ריהרטער און מיר שטאַרק געדריקט די האַנד.

א. ל. באראַן

אַ נאַכט אין קאָנטרי

וועו איך האָב ערהאַלטען א בריעף מיט א באהן־טיקעט פון מיין שוועסטער, וועלכע פערברייננט דעם זומער אין צאַרעסוויל, קעטסקיל מאונטיינס, אז איך זאָל קומען פערברייננען ביי איהר א פּאָר וואָכען, איז דאָס געווען פונקט ווי פון הימעל אראָפּ: מיט א טאָג צוריק האָט מיר מיין מיסעס, דורך איהר אמ־באסאדאָר, בעני דער סטאר באָרדער, אריינגעשיקט איהר אולטימאטום, אז ענטוועדער איך מוז צאָהלען רענט, אָדער אין פיער און צוואנציג שטונדען פער־לאָזען איהר טעריטאָריע.

עפּעס טאקי נור ווי דורך א נס איז דער בריעף אָנגעקומען פונקט דאן, ווען די לעצטע פון די פיער און צוואנציג שטונדען האט געשלאָגען. איך האָב זיך גלייך אריינגעכאפּט אין א שניידער סטאָרקע, געלאָזט אויספּרעסען מיין אנצוג, האָב ארויפגעוואָר־פען אויף זיך מיין לעצטען האלז־טוך און בין ארומגע־פאָהרען קיין צאַרעסוויל.

בין איך דאָך דער גרויסער רייזענדער, געה איך מסתמא ארונטער אין קאַראַכעסוויל, א סטיי־שאָן בעפאָר צאַרעסוויל. און איידער איך קוק זיך אום איז שוין די טריין אָוועקגעפאָהרען און איך מוז שוין ווארטען אויף אן אנדער טריין וואָס וועט ערשט מאָרגען פארבייפאָהרען.

נור איידער איך האָב צייט געהאט אריינצוטראכטען זיך אביסעלע טיעפער אין מיין לאגע, ערשט

איך זעה א פארמער לויפט מיר אנטקעגען:
— העלאו, העלאו, מר. ראזענבלום! — שרייט ער אוים מיט שמחה — ווארום האט איהר מיר נישט געלאזט וויסען, אז איהר קומט היינט? מיר האבען דאך אייך ערווארטעט ערשט מארגען. אי, אי, אי! ווען מיינע געסט וואלטען געוואוסט, אז איהר זענט איצט געקומען, מיט א בענד מיוזיק וואלטען זיי דאך דא איצט געווען, אייך מקבל פנים זיין! יענע ווארטען אויף אייך ווי אויף משיח'ן!
— נו, — טראכט איך זיך — דער פארמער זוכט זיך צרות, — איך ווידער זוך א פלאץ וואו אבצועסען און איבערצושלאפען — איז דאך עס א שידוך פון גאט. לאז איך מיך פיהרען.
ווען דער פארמער האט מיך געבראכט אין זיין האטעל, איז דער גאנצער עולם געווען אויף דער וועראנדע, און דער פארמער האט מיך פאר זיי פארגעשטעלט אלס סעמיועל ראזענבלום פון דער בע־וואוסטער פירמע: ראזענבלום און זוהן.
מיט פינף מינוטען שפעטער האט מיר אימי־צער א פריינדליכען פאטש געטהאן אין פלייצע מיט א בעגייסטערטען: העלאו מיסטער ראזענבלום!
איך דרעה אוים דעם קאפ. איך זעה פאר זיך א מאן, וועלכען איך האב קיינמאל אין די אויגען ניט אנגעקוקט, נור גארנישט, איך וועל דאך ניט געהן זיך אליין מסור'ן... שווייג איך און פרוביר אויסזעהן ווי מיסטער ראזענבלום...
— וואס הערט זיך עפעס אין ניו יארק? — פרעגט מיך דער מאן.
— היים, ברודערל! — ענטפער איך איהם מעשה אלטער בעקאנטער.

— אבער אייער פאטער איז ניט קיין פיינער מאן — רעדט ער ווייטער — וואס האט ער אזוי געציטערט איבער די הונדערט דאלאר וואס איך בין איהם שולדיג?

— איך וויים... שטאמעל איך — אזא טבע האט ער שוין...

— נאט, דא האט איהר די הונדערט דאלאר. איהר וועט זיין אזוי גוט און איהם עס מאָרגען אוועקשיקען און זאל ער ניט זיין אזוי נערוועז.

— איך האב גאר ניט דאגעגען — זאג איך איהם און שרייב איהם אונטער א רעסיט.

— טהענקיו! — בעדאנקט ער מיר, און געהט אוועק.

זעץ איך זיך ברייטליך אוועק אין א ראקינג טשער, רייב אוים די אויגען און צעהל איבער דאס פעקיל אסיגנאציעס: ריכטיג הונדערט... און מערק־ווירדיג, אזוי שנעל ווי איך האב ארייגעלעגט די הונדערט דאלאר אין קעשענע, האב איך זיך טאקי גענומען פיהלען גאר אן אנדער מענש. איך האב גע־נומען גלויבען באמונה שלמה, אז איך בין עס טאקי דער מיסטער ראזעבלום, פון דער בעוואוסטער פיר־מע „ראזענבלום און זוהן“.

איך האב ארויסגענומען צוויי פינפערליך פון קעשענע. פאר איינעם האב איך געאָרדערט די גוטע האוואנא סיגארען פאר די דזשענטעלמען, פאר׳ן צווייטען פינפעריל — אייז קרים פאר די ליידים, ווי עס פאסט פאר מיסטער ראזענבלום...

נאך סאפער, ווען ס׳האט אנגעהויבען ווערען טונקעל, האט זיך דער עולם צושאטען אין פאר־לאף אויף די שמאלע סטעזשקעלעך וואס פיהרען אין

וואַלד אריין. איך האָב מיר אויך פערסמוקט א האַ־וואַנאַ און מיך אויך ארויסגעלאָזט אויף א שפּאַציער, פּייפענדיג אונטער'ן נאָז א לידעל וואָס איך האָב לעצטע וואָך געהערט אין מואווינג פּיקטשורס:

„אין מאי הארעם, אין מאי הארעם,
וויף פאַר ברעקפעסט,
וויף פאַר דינער,
וויף פאַר סאַפּער־טיים".

— סעמי! — דאכט זיך מיר ווי איך הער א פרויען־שטימען הינטער זיך.

מאַך איך זיך ניט וויסענדיג און גיי מיר מיין וועג.

— סעמי! — קלינגט שוין די שטימע דייט־ליכער —

איך דריי אום דעם קאָפּ — צוויי ווארימע פרויען־הענטליך האָבען מיר איינגעקליאמערט מיין האַלדז און איך האָב דערפיהלט א גליהענדען קוש אויף מיינע ליפּען.

— איך בין אזוי גליקליך וואָס דו ביזט געקומען. דו האָסט דאָך מיר אָבער געשריעבען אז דו וועסט ערשט קומען מאָרגען, דו גנב, דו..

— מאי דארלינג! — בין איך אריין אין מיין ראָלע — איך האָב דיך געוואָלט איבערראשען...

— איבערראשען האָסטו געוואָלט דיין בעקין, האַ? — און זי האָט מיך גלייך א כאַפּ געטהאָן אונ־טער'ן ארעם און האָט זיך מיט מיר פערקירעוועט אין וואַלד אריין.

נו, איך בין דאָך ניט יוסף הצדיק, איב'ל דאָך ניט געהן ארונטערוואַרפען פון זיך דאָס רעקיל (מיין איינציג רעקעל!...) אדער געהן מאכען גוואַלדען,

אדער זיך אליין מסר׳ן... גיב איך זיך איבער אין איהרע הענט און גערה: מילא, וואָס עס וועט זיין וועט זיין, נור זאָגען זאָג איך צו זיך: לייבעל, געדענק, דו הייסט ראָזענבלום !...

און לייבעל האָט געדענקט. ער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון סעם ראָזענבלום נאָך אפשר בעסער ווי ראָזענבלום אליין וואָלט עס געשפּיעלט.

ווען איך בין אָנגעקומען אין האָטעל איז שוין געווען צוויי א זייגער פאַרטאָג. איך האָב מיך אריינגעלעגט אין א שעהנער ווייכער בעט, ביי אַן אָפענעם פענסטער און די לבנה האָט מיר אריינגעקוקט אין פּנים אריין, און האָט צו מיר צוגעשמייכעלט ווי איינער רעדט: פערגעס נור ניט, בחור, אז דיין ריכטיגער נאָמען איז ניט סעם נור לייבעל, און מארגען היט אָפּ די ערשטע טריין און שטעל פּיס, ווייל דו קענסט נאָך זעהר מיאוס אריינפאַלען...

— לבנה! — האָב איך צו איהר צוריק געשמייכעלט — דו ווייסט וואָס דו רעדסט.

ליג איך אזוי און אונטערהאַלט זיך מיט דער בלאַסער נאַכט־וואַנדערין. ס׳איז שטיל. אלעס שלאָפט. בלויז א לייכטער ווינטעלע פאַרעט זיך עפּעס צווישען די צווייגען פון די בוימער, וואָס קוקען אריין אין מיין פענסטער, ווי ער וואָלט געזוכט א פּלאַץ וואו צוצושפּאַרען זיך אויף די פּאָר שטונדען, וואָס זיינען איהם פערבליעבען ביז זונען־אויפגאַנג. א לייכטעס קלאַפּען פון רעדער דורכגעשאָסען דאָ און דאָרט מיט דאָס בילען פון א הונט רייסט זיך דורך דורך דער ארומיגער שטילקייט צו מיר אין פענסטער אריין. איך פארשפּיר אַן אויער און הער זיך צו: דאָס קלאַפּען פון די רעדער ווערט אלע מאָל דייטליכער, קלינגט

העכער, קומט נעהענטער...

— האָ! — דערהער איך באַלד אַ בעל־עגלה־שען אויסרוף, און אַ וואָגען שטעלט זיך אָב לעבען מיין האָטעל. באַלד דערהער איך ווי דער פּאָרמער פּלאָנטערט פאַרשלאָפען מיט די פיס אויף די שטי־גען, וואָס פיהרען אַרונטער פון בוידים.

— ענטשולדיגט, וואָס איך האָב אייך אויפגע־וועקט! — הער איך אַ פרויען־שטימע — מיין מאַן, מיסטער ראָזענבלום, דאַרף צו אייך קומען מאָרגען. איך זומער דאָ מיט מיינע עלטערען, אַ דריי מייל פון דאַנען. איך האָב מיין מאַן געשריבען, אַז איך וועל צו איהם קומען ערשט מאָרגען אויף דער נאַכט, אָבער איך וויל איהם איבערראַשען. איך וויל, אַז ווען ער וועט קומען זאָל ער מיר שוין דאָ טרעפען. מיר וועלען האָבען אַ ביסעל „פאַן".

— מיסעס ראָזענבלום — הער איך ווי דער פאַר־מער שלאָגט איהר איבער — אייער מאַן איז שוין דאָ. איך האָב איהם אויך ערוואַרטעט מאָרגען, אָבער ער איז געקומען היינט. ער שלאָפט אָט דאָ אויבען אין פראַנט רום.

— אַזוי! — הער איך ווי די פרוי רופט אויס מיט פרייד, געמישט מיט איבערראַשונג — ער איז שוין דאָ? אוי, איז דאָס אַ מזיק!

די לבנה האָט זיך בשעת מעשה איבערגעדעקט מיט אַ לייכט וואָלקענדיל, אַזוי אַז איך האָב ניט גע־קאָנט זעהן, צי זי האָט געלאַכט, צי זי האָט גע־וויינט קוקענדיג אויף מיר...

— לייבעל! — טראַכט איך ביי זיך און גיב זיך אַ גוטען קניפּ, אום אויסצוגעפינען אויב אין חלום ניט... — ניין, לייבעל, בעשלים איך, ס׳איז

נישט קיין חלום... זיכער נים! איך הער אויף די שטיגען שטילע פער׳גנב׳עטע טריט...

שלעכט! וואס טהוט מען? שלאפען! — פאלט מיר איין א געדאנק — שלאפען איז א סגולה צו אלע צרות. איך האב זיך אומגעקעהרט מיט׳ן פנים צום וואנד, דריי פיערטעל געזיכט האב איך אריינגעגראבען אין קישען, די לייליך אריבערגעצויגען איבער זיך, איבערלאזענדיג בלויז איין אויער אן אבגעדעקטען. — שלאף, לייבעל, שלאף — ווינקט צו מיר די לבנה — שלאף ווי א גע׳הרג׳עטער, אויב נים וועסטו זיין אין דר׳ערד...

די טיהר עפענט זיך לאנגזאם. מיסעס ראזענבלום׳ס ליכטע טריט הערען זיך שוין אין צימער. איך פיהל, אז אט בויגט זי זיך איבער מיר אריבער... איך שפיר איהר ווארימען אטהעם... איך פיהל א לייכטשוועבענדען קוש אויף א ווינקעל־שטערען....

— ער שלאפט ווי א מאנארכע! — הער איך ווי „מיין ווייב" שושקעט צו זיך אליין — ער האט זיך נעביך געמוזט היינט גענוג אנהארעווען... שששששש!... א געדאנק! איך וועל איהם איצט נים וועקען, זאל ער אויפשטעהן אין דער פריה און מיך געפינען אין בעט. אוי, וועט ער עס זיין סורפרייזט!

זי האט זיך גענומען אויסטהאן.

איך הער דאס שארשקען פון פרויען־קליידער. איך וואלט שווערען, אז זי זוכט עפעס אין מיינע הויזען־פאקעטס, וואו עס ליגט דאס פעקיל אסיגנאציעס... ווערט מיר קאלט, אבער איך שלאף... איך הער ווי זי גנב׳עט זיך פאוואליטשקע אריין אין בעט אריין... איך שפיר ווי איהר׳ס א נאקעט פיסעל האט זיך אנגעריהרט אן מיינע פיס, אבער זי נעהמט עס

באלד אוועק, ווי זי וואָלט זיך אָבגעבריהט. איך פּאָלג דער לבנה — און ריהר ניט מיט קיין אבר, איך שלאָף...

— איך זענט אמאָל געלעגען אויף הייסע קוילען? ניין? טו וואָס זאָל איך מיט אייך רעדען? צוויי שטונדען האָב איך אריבערגעטראָגען די ליידען פון טאַנטאַלוס! זי האָט זיך געוואָרפען פון איין זייט אויפ׳ן צווייטען, ווי א פּערוואונדעטע קאַטשקע, אבער שאַ, שטיל, איך שלאָף!...

ווען עס האָט אָנגעהויבען טאָגען איז זי ענדליך אויך איינגעשלאָפען. איך גנב׳ע א קוק דורכ׳ן פענס־טער — די לבנה איז שוין ניטאָ. איהר פּלאַץ האָט פערנומען דער מאָרגענשטערען.

— איך הייס לייבעל! — שטעל איך זיך פאָר איהם פאָר — איך בין אין דר׳ערד ווי א באָרג! ברוּ־דערל, אָן עצה!

— לויף, ווינקט ער צו מיר — לויף שנעל ווי דו קענסט.

איך האָב זיך פּאַוואָליטשקע ארויסגעשאַרט פון בעט, האָב שטיל ווי א גנב צוזאַמענגענומען מיין אָנטהאָן, בין אויף די שפּיץ פינגער אריין אין באָדע־צימער, האָב זיך דורך א זייטיגע טיהר׳ל ארויסגעשמור־געלט און בין אוועק וואו די אויגען האָבען מיר גע־טראָגען — בעגלייט פון מאָרגענשטערען.

* * *

מיט עטליכע שטונדען שפּעטער בין איך שוין געזעסען אין א טריין, וואָס האָט מיך געטראָגען נאָך ניו־יאָרק. איך ווייס ניט, איך האָב עפּעס געפיהלט אין מיינע ביינער, אז פאַר מיר וועט זיין פיעל גע־

זונטער, אז איך זאָל זיין וואס ווייטער פון קאדאַ־בעסוויל...

אזוי ווי איך האָב מיר נור איינגעמאָסטשעט אויף מיין זיץ, האָב איך דערפיהלט, אז עפּעס דריקט מיר אין מיין הינטערשטען הויזען־פּאקעט. איך לעג אריין די האנד און שלעפּ ארויס — אַ זאַק, אַ פּרויעז־זאַק! איך טהו אַ קוק אינווייניג... איך רייב זיך אויס די אויגען.... — לייבעל! — גיב איך זיך ווייטער אַ קניפּ — דו חלומסט צו די וואכסט?...

ליידיס און דזשענטעלמען! איך וויל אייך זאגען דעם אמת: ווען איך האָב אַנגעהויבען ארויסשלעפּען פון זאַק אַ טהייערען גאָלדענעם פּרויען־זייגעריל, פינף דימענטענע רינגען, צוויי גאָלדענע בראַסלעטען, אַ גאָלדענעם לאקעט אויסגעזעצט מיט טהייערע רובינען, און אַ דימענטענע בראשקע, האָט מיר ניט געאַרט אז עס איז אַ חלום... אזעלכע חלומות זאָלען זיך אונז חלום'ען אלע נאכט!

אַ דאנק דיעזען „חלום" בין איך איצט אין די קאַנטרי אויף אַ גאנצען זומער. און איהר דאַרפט אַנקוקען אַ קאַנטרי! ס'איז ניט קיין קאדאַבעסוויל און ניט צארעסוויל. ס'איז שוין איינמאָל אַ קאַנטרי!... איהר מיינט איך װאָלט אייך ניט געזאגט וואו איך געפין זיך איצט? נור איהר ווייסט דאָך שוין לייבעל'ס טבע — ז י ך א ל י י ן מסר'ט ער ניט, נאו סער!...

מ. ג. סאפיר

ליעבע און צאָהן־וועהטאָג

ליעבע און צאהנווייטאג! צוויי שוידערהאפטע שמערצען פאר די יעניגע וועלכע פיהלען זיי; צוויי אונבעדייטענדע זאכען פאר די יעניגע וועלכע פיהלען זיי נישט.

— וואס פעהלט איהם אדער איהר?

— זיי ליעבען — זיי האבען צאהנוועהטאג.

— א, נישט מעהר? נישט געפעהרליך, ס'וועט איבערגעהן.

אט אזוי קוקט מען געוועהנליך אויף ליעבע און צאהנוועהטאג.

ליידעט אימיצער אין הויז פון ליעבע אדער צאהנ־וועהטאג, ווייסט יעדער איינער פון דער משפחה אן אנדער מיטעל וואס מוז זיכער העלפען.

דער טאטע זאגט:

— ס'איז רהומאטעס, ס'וועט איבערגעהן.

א פעטער זאגט:

— ס'איז א וויים־איך־וואס, מען דארף עס האל־טען ווארעם.

א גובערנאטקע זאגט:

—דאס בעסטע איז, ניט דענקען דערפון. א געשוועסטערקינד זאגט:

— רייסט דעם ארויס און זעצט אריין אן אנדערען.

א שכן א חכם זאגט:

— פערשטאָפּט אייך די אויערען, דאָס וועט זי־כער העלפען.

קורץ, עס איז אויף דער וועלט גאָר אזא נאָר נישטאָ, וועלכער זאָל ניט וויסען עפּעס א ז י כ ע ר מיטעל געגען ליעבע און צאָהנוועהטאָג.

די מעהרסטע מיטעל געגען ליעבע און צאָהנוועה־טאָג ווייסען „אַלטע מוידען" און בעלי־עבירה'ניקעס, וועלכע, פון לויטער פערלוירענע צייהן און פערלוירענע ליעבעס, האבען שוין אליין קיין צאָהן נישט אין מויל און קיין הארץ נישט מעהר.

ליעבע און צאָהנוועהטאָג, דארפט איהר וויסען, זיינען זעהר עהנליך צווישען זיך. זייער וועהטאָג בעפאַלען אונז אם מייסטען ביי נאכט, אָבער אזוי שרעקליך, אז מיר הויבען אָן ארומלויפען ווי משוגעים, און מיר רייסען זיך, ווי נאכטוואנדלער, אויף די גלייכע ווענד.

אָבער וואָס איז שטארקער, ליעבע אָדער צאָהנ־וועהטאָג ?

וועןביידע בעפאַלען א מענשען אין דער זעל־בער צייט, וועלכעס געפיהל איז שטארקער ?

לאָמיר זעהן :

אויפ'ן עק פון דער פריעדריך גאַס, וועלכע גרע־ניצט זיך מיט דער בעהרען גאַס, האָט אויפ'ן ער־שטען שטאָק געוואוינט א פערליעבטער שרייבער, — און דאָס איז געווען — איך אַליין.

זי איז געווען א פערליעבטע אדוואָקאַטען־טאָכ־טער. דאָס איז אַלץ וואָס איך קען דעם לעזער פער־טרויען פון אונזערע פּערזענליכע פערהעלטניסע.

איך קען נאָך אזוי פיעל זאָגען, אז זי איז געווען זעהר פ ו צ ז י כ ט י ג און זעהר א י י פ ע ר־

ז י כ ט י ג. איך זאג דאס דערפאר, ווייל דאס בע־
לאנגט צו אונזער געשיכטע.

די פוצזוכט קלאפט אן אין דער פינאנץ־קאמער.
די אייפערזוכט אין דער הארץ, וואס עלטער זי ווערט
— אלץ שוואכער ווערט זי; די אייפערזוכט איז אבער
ווי א קראקאדיל, וואס עלטער זי ווערט — אלץ שטאר־
קער ווערט זי.

איצט וואס איז שטארקער, פוצזוכט אדער איי־
פערזוכט, ווען זיי טרעפען זיך ביידע צונויף ביי א
מענשען ?

לאמיר זעהן :

אנטקעגען מיין פענסטער, אויף דעם אנדערען
עק גאס, פלעגען קלעפען אלע טהעאטער־צעטלעך און
קאנצערט־צעטלעך.

יעדען אין דער פריה, ארום צעהן א זייגער,
פלעגט זי מיט איהר מוטער געוועהנליך שפאציערען
פון דער שארלאטען־גאס צו די „לינדען", און ביידע
פלעגען זיך אבשטעלען די צעטלעך איבערצולייענען.

ווען זי פלעגט מיר אבער ווערען אנזאגען ווען
איך זאל זי ערווארטען, פלעגט זי כלומרשט דער
מוטער, אויף איינעם פון די צעטלעך ווייזען, צום
ביישפיעל :

א נ פ א נ ג ז י ע ב ע ן א ז י י ג ע ר.

און איך, וועלכער האב דאס בעמערקט פון מיין
פענסטער, דורך א פערגרעסערונגס גלאז, פלעג ווי־
סען, אז היינט דארף איך זי בעגעגענען זיעבען א זיי־
גער.

ווען זי פלעגט אבער, אונשולדיג און נאאיוו,
אחוץ דעם אנווייזען אויף ז י ע ב ע ן, אויפהוי־
בען א פינגער אין דער הויך, האב איך שוין געוואוסט,

אז א שעה איז צוגעקומען, אז די בעשטימטע שטונדע איז אכט א. ז. וו. דאָס האָב איך אַלץ געמוזט פון די פינגער לעזען.

די ליעבע, מיינע פריינד, מאכט ערפינדעריש!

בענדזשאמין פרענקלין האָט בלויז א י י ז בליצאַבלייטער ערפונדען, די ליעבע אבער, ערפינדעט אַלע מינוט אן אנדער בליץ־און האָגעל־אבלייטער א. אז. וו.

ארום אכט א זייגער, בין איך שוין געשטאַנען אויף דעם בעוואוסטען אָרט, — דעם אמת גע־זאָגט איז דאָס געווען אונטער די בוימער ביי דער בערזע, וואו דער גראַניטענער בלומענטאָפּ שטעהט יעצט — און איך האָב געוואַרט. איך האָב געוואַרט, זי איז נישט געקומען, איך וואָלט אפשר נאָך אַלץ גע־וואַרט, ווען עס וואָלט ניט אָנגעלאָפען א קליין אינ־געל מיט נאָך עטליכע חברים, א קוק געגעבען אויף מיר און אראָבלאָזענדיג א נום פאַר מיינע פיס איז ער פערשוואונדען געוואָרען. דאָס איז געווען דעם אדוואָקאט'ס שיק־איינגעל. איך האָב די נום אויפ־געהויבען, זי געעפענט, און אינוועניג האָב איך גע־פונען א צעטעלע:

„איך קען נישט קומען! די בעריהמטע אַנאַ־טאָל (אזוי האָט געהייסען די קליידער־מאכערקע) איז היינט געקומען פון פאריז, און איך מוז צו איהר געהן נאָך היינט אין אָבענד, איידער מען וועט אַלץ אויס־קלייבען.

זיי געזונד מיין זיסער“!

איך בין קיין מאָל ניט זים געווען! אין דער מינוט אודאי נישט!

אבער, „גענגעז מאדיסטקעס און שניידערקעס קעמפפטס אפילו די ליעבע אומזיסט" — זאגט א גלייכוועדטעל.

איך, זיסער, האב געמאכט א זויער פנים און אהיים־געגאנגען א פערביטערטער.

צוויי טעג שפעטער האב איך געקראגען א צאהנ־וועהטאג, אבער איינעם פון די אויף וועלכע מען פרעגט זיך נאך. אזוי ווי שפיעזען זיינען אין מיין קערפער ארומגעלאפען, — א באק איז מיר אזוי אנ־געשוואלען געווען, אז זי האט פערדעקט מיין לינ־קע אויג. מיין פנים האט אויסגעזעהן ווי אן אונגע־הויער גרויסער עפעל מיט אן אנגעברענטער רויטער זייט. פלוצים זעה איך ווי זי געהט דורך, לעגט דעם פינגער אויף:

„א נ ה ו י ב ל י ע ב ע ן א ז י י ג ע ר".

און האט צוויי מאל דעם פינגער געלעגט דארויף, אזוי ווי אן אונפערמיידליכע אויפפאדערונג, און איז מיט דער ליעבער מאמא ווייטער געגאנגען.

איך האב גלייך געשיקט רופען דעם דאקטאר און אויסגעשריען: א געשעפט וואס איז אונ־מעגליך אפצולעגען, צווינגט מיך ארויסצוגעהן פון הויז. ער האט בעהויפטעט, אז איך טאר אויף דער לופט ניט ארויסגעהן, ווייל איך וועל בעקומען א רויז אויפ'ן פנים.

איך בין געווען אין א שרעקליכער פערצווייפלונג, און ניט געוואוסט וואס צו טהאן. ענדליך האב איך בעשלאסען איהר צו שרייבען.

איך האב געשילדערט מיין דאפעלטען וועהטאג און מיין אונגעהייערע פערצווייפלונג; מיט די פייר־

ערדיגסטע פארבען האָב איך איהר געשילדערט דאָס פייער פון מיין ליעבע און פון דער לינקער באַק, זי פערצייהונג געבעטען, און איהר דאָס צעטעלע גלייך אוועקגעשיקט.

עס איז געווען מיין שיידונגס־אקט ! — איך בין געווען פערלוירען ! — איך האָב דאָך געזאָלט געהן! — מיין געשוואָלענע באק האָב איך איהר געזאָלט צו די פיס לעגען, די רויז פון מיין פנים האָב איך בע־דארפט מיין ראָזאַ'ן אין פנים ווארפען, איך האָב גע־זאָלט געהן, ווען איך זאָל אפילו מוזען צוריקגעהן א טויטער !

דעם אנדערען טאָג האָט מיר דעם אדוואָקאט'ס שיק־איינגעל געבראכט א צעטעל אין א פלעשעלע :

„געפיהלפאָלער דיכטער !

אודאי, צאָהנוועהטאָג איז שטארקער פון ליעבע! וואָס איז א ברענענדע בענקעניש געגען א ברענענ־דער באַק ? וואָס איז אן אָנגעצונדען הארץ געגען אן אָנגעצונדענער לופּ ? ווען מען ליעבט אזוי שטארק און מען ליידט אויף צאָהנוועהטאָג, מוז מען זיך פון אלץ אבזאָגען, נאָר נישט פון דעם דאָזיגען באַלזאם וועלכען איך שיק אייך דאָ, און וועלכער איך ווינש זאָל אייך פון אייערע ליידען בעפרייען. בינדט ארום דעם באלזאם מיט אייער ליעבעס בריעף ארום אייער באַק און בלייבט אייביג פערבונדען צו אייער אכטונגס־פאָלער פריינדין נ. נ."

מיר האָבען זיך ווידער קיינמאָל נישט געזעהן.

דאָס איז ליעבע און צאָהנוועהטאָג.

כאַפּט איהם

רוסישע משינאָווניקעס

די רוסישע רעגירונג, דערצעהלט מען, האָט אמאָל ארויסגעשיקט א בעאַמטען קיין אָדעס צו אונ־טערזוכען די דאָרטיגע פעסטונגעןביים שווארצען ים און די קריעגס־שיפען וואָס געפינען זיך אין דאָרטיגען האַפען.

ווען דער בעאַמטער איז אָנגעקומען קיין אָדעס, האָט ער זיך דערוואוסט אז די פעסטונגען מיט די קריעגס־שיפען געפינען זיך אין בוזעם קעשענע פון אדמיראל ראַזדוואַטשענסקי. דער אונטערזוכונגס־בע־אַמטער איז גלייך אַוועק אין קאַזארמע צו אַרעסטירען דעם אַדמיראל. ליידער אָבער האָט ער די קאַזארמע ניט געפונען אויף איהר פּלאַץ, ווייל דאָס געלד וואָס די רוסישע רעגיערונג האָט מיט דריי יאָהר צוריק בעוויליגט אויף צו בויען די קאַזאַרמע, האָט גענעראל סוכאָמיראָוו פער׳שיכורט און פערהולטעוועט.

דער אונטערזוכונגס־בעאַמטער האָט זיך דאַן אַוועקגעלאָזט צום פּאָליציימייסטער, נור אזוי ווי ער האָט דעם פּאָליציימייסטער ניט געפונען, ווייל ער איז דאַן גראַדע געווען פערנומען מיט אָרגאַניזירען א פּאָ־גראָם אויף אידען, איז ער אַוועק צום גובערנאַטאָר, ער זאָל אריינגווארפען אין געפענגניס דעם אַדמיראל ראַזדוואַטשענסקי און גענעראל סוכאָמיראָוו. געפינט ער אָבער דעם גובערנאַטאָר צוזאמען מיט פּירושקע־וויטשען טויט שיכור און ער לאָזט זיך געהן דירעקט צום אָסטראָג. געקומען אהין, טרעפט ער דאָרט אָנ־

שטאָט אַן אַסטראָג, אַ ליידיגען פּלאַץ, ווייל מיט דעם מיליאָן רובעל וואָס איז געווען בעשטימט אויף בויען דעם אַסטראָג, האָט דער טורמע־דירעקטאָר זיך צו־טהיילט מיט׳ן פּאָדראַטשיק און זיי זיינען ביידע אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד אין אַן אויטאָמאָביל, וואָס זיי האָבען „קאָנפיסקירט“ ביי אַ רייכען אידען.

לויפט שוין דער אונטערזוכונגס־בעאַמטער אַוועק טעלעגראַפירען נאָך פּעטערבורג. דערוויסט ער זיך אין טעלעגראַף־קאָנטאָר, אַז ערשט נעכטען איז דער טעלעגראַף־דירעקטאָר אַנטלאָפען נאָך פּאַריז, מיט־נעהמענדיג מיט זיך אַלע טעלעגראַף־אַפּאַראַטען צו־זאַמען מיט די טעלעגראַף־סלופּעס און טעלעגראַף־דראָטען.

— טשאָרט וואָס פּאָברי! — האָט דאַן דער אונטערזוכונגס בעאַמטער אויסגערופען מיט פּאַטריאָ־טישער ענטריסטונג — און האָט שנעל אויסגעלעדיגט די קאַסע פון טעלעגראַף־קאָנטאָר און איז אַוועק אין אַ קאַבאַק.

יעקב מאַרינאָוו

אַ נאַכט-גנב

איך בין אַ גנב.

איך בין דאָס דער מאַן, פאַר וועמען איהר האָט ביי נאַכט אַזוי מורא. איך בין אויך דער מאַן, וואָס האָט ביי נאַכט מורא פאַר א י י ך.

מ י ר הערט איהר עס אין מיטען נאַכט זיך פאַרען ביים בופעט, וואו איהר האַלט אייער זילבער-נע-געשיר, כאָטש אין דער אמת'ן בין איך גאָר בשעת-מעשה אין אַן אַנדער הויז... איך הער אייך אויך אי-מער אַרומדרעהען זיך איבער'ן שטוב, ווען אין דער אמת'ן שלאָפט איהר גאָר ווי אַ געהרג'עטער — אַ נערוועזע ביזנעס פאַר אונז ביידען...

איך בין אַ גנב, אָדער ריכטיגער געזאָגט, אַ נ ע-ר ו ו ע ז ע ג ע ר גנב. אויפגעגעבען מיינע ביזנעס האָב איך צוליעב אַ געוויסער פּרויענצימער. איהר האָט עפּעס געוואוסט ווער עס וואָהנט אין נומער... גרענד סטריט? איך האָב אויך ניט געוואוסט. דאָך האָב איך זיך געטראַכט: לאָמיר אַריינגעהן אַהין, וואָס איז די נפקא-מינה, איך קען דאָרטען פאַרברענגען אַ צעהן-פופצעהן מינוטען פּונקט אַזוי גוט ווי ערגעץ אַנדערש....

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעטליך. אַלע האָבען שוין געשלאָפען. דער פּאָליסמאַן אויפ'ן קאַרנער איז ערגעץ אַוועק און איך האָב איינער אַליין געמוזט אין דער פענסטער אויפברעכען די טיהר און אויספּאַ-קען מיינע געצייג... אַזאַ טבע האָב איך מיר געהאַט:

האָב ליעב געהאַט צו טהאָן מיינע ביזנעס אין דער פינסטער. א געפעהרליכע טבע פּילייכט, ווייל זעהר אָפט פּאַסירט עס אז עפּעס פאלט ארונטער און צו־ברעכט זיך, דאַן איז זעהר אונאנגענעהם. איהר מוזט זיין אליין א גנב אום צו וויסען וויפיעל עס זיינען דאָ אויף דער וועלט טעלער און גלעזער און לאָמפּען, וואָס זיינען צו יעדער צייט פארטיג אָנצומאכען א גאנצע סומאַטאָכע אין מיטען נאכט, ביי דעם מינדעס טען ריהר וואָס איהר גיט זיך...

— ווער איז דאָרט ? — העהר איך פּלוצלונג א פרויענשטימע פון בעד־רום.

איך האָט ניט געהאַלטען פאר בעזאָנדערס וויכ־טיג צו ענטפערן. ווער ווייסט, האָב איך זיך געטראַכט, אפשר וועט זי זיך גאָר ניט אזוי דערפרעהען מיט מיר....

— ווער איז דאָרט ? — איז זי געוואָרען נאָך נייגעריגער.

וויפיעל איך האָב מיך ניט געבראָכען דעם קאָפּ, האָב איך אָבער גראדע אויף דעם מאָמענט ניט גע־קאָנט אויסטראכטען עפּעס אַן ענטפער, וואָס זאָל זיך פּאַסען פאר א מאן וואָס בעזוכט א הויז אין מיטען נאכט, אין דער פינסטער....

אָבער די פרוי האָט זיך גראָד איינגע׳עקשן׳ט, אז זי מוז זיך מיט אימיצען דורכרעדען. א פרוי בלייבט אַ פרוי.

— עס האָט זיך דיר בלויז אויסגעדאכט ! — העהר איך ווי אימיצער זאָגט צו איהר און פערזיכערט אז די טיהרען זיינען פעריגעלט און פערשלאָסען אויף די פּעטענט שלעסער.

זי אָבער איז מיט דעם „אימיצען“ ניט גע־
ווען איינשטימיג און איז געווען פעסט איבערצייגט,
אַז אין הויז געפינט זיך אַ גנב, און אַזוי ווי איך בין
מיר אָנגעגאַנגען מיט מיין ארבייט, ניט גאָר אָהן
הארץ־קלאַפעניש, דאָס מוז איך צוגעבען, איז זי נאָך
פעסטער איבערצייגט געוואָרען, אַז זי האָט געהערט
אַ קלאַפּ אין פראָנט רום. זי איז געווען גערעכט: אַ
גלאָז איז טאקע ארונטערגעפאלען און כאָטש עס איז
ארונטערגעפאלען אויפ׳ן קארפעט, האָט עס דאָך, ווי
עס שיינט, אָנגעמאכט ניט קיין קליינעם טומעל.

די פרוי האָט בעשלאָסען זיך צו בעקענען מיט
מיר פערזענליך און הערען פון מיין אייגענעם מויל
וואָס האָט מיך געבראכט צו איהר אין הויז אין מי־
טען נאכט....

איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך בין געוואָרען
אביסעלע נערוועז און צוטומעלט, ווען איך האָב דער־
הערט ווי די פרוי שטעלט טריט... עס איז אַ פאקט,
אַז אין מאנכע הייזער געפינען זיך רעוואָלווערען...
איך האָב זיך אָנגעהערט שווידערליכע געשיכטען ווע־
גען רעוואָלווערען און וואָס אַ בעל־הבית אָדער אַ בעל־
הבית׳טע פון אַ הויז זיינען פעהיג צו טהאָן מיט זיי,
אום צו בעשיצען זייער פערמעגען!... איך האָב גע־
פיהלט, אַז סינג־סינג, אפילו מיט זיינע איצטיגע רע־
פאָרמערס, איז אלץ ניט קיין פאַסענדער פּלאַץ פאַר
מיר און איך האָב שוין געוואָלט אריבערגעהן אין אַן
אנדער הויז, ווען פלוצלונג האָט מיר געגעבען אַ
בליאסק אַ שטראָם עלעקטרישע ליכט, גלייך אין די
אויגען אריין.

ליכט האָב איך בכלל ניט ליעב, אָבער צופיעל
ליכט האָס איך פשוט — איך קריג דערפון אַ קאָפּ־

וועהטאַג; האָב איך אָנגעהויבען זיך רוקען צום טהיר.

דערווייל איז די פרוי צוגעקומען נעהענטער צו מיר, און — צו איהר וועט מיר גלויבען צו ניט — דערזעהענדיג מיר, האָט זי זיך אויף מיר ארויפגעוואָרפען — און — האָט מיטביידע הענד ארומגעקלאַמערט מיין האלדז, האָט אָנגעשפּארט איהר קאָפּ אויף מיין ברוסט און האָט זיך היסטעריש צואוויינט!

ווען זי האָט זיך אויסגעוויינט, איז זי געוואָרען אביסעל שטריינגער:

—נאָך פינף יאָהר אוועקזיין פון דער היים און ניט לאָזען פון זיך הערען קיין וואָרט, ביזטו צו מיר געקומען... אין מיטען נאכט... נו, מילא, אז דו ביזט שוין דאָ — ביזטו אַ גוטער גאַסט!...

* * *

פון דעמאָלט אָן האָב איך אויפגעגעבען מיינע ביזנעס: אַ ביזנעס וואָס קען איך פערפיהרען אין הויז פון אייער אייגען ווייב, זאָל געהן מיט אַ פייער!..

י. פּאַדרוזשניק

זיין ערשטער קליענט

(אַ קאָמעדיע אין איין אקט)

פּערזאָנען:

מאקס בארנעט, אַ נאָר וואָס געענדיגטער אַדוואָקאַט.

בעלא, זיין פרוי.

ציפּע, זייער דינסטמיידעל.

מיסטער גאָלדענרייך, דער ערשטער קליענט.

(די סצענע שטעלט פאָר אַ נאָר וואָס אויפגעפיקסטען לאָיער־אָפיס: די מעבעל און די בילדער שפּאָגעל־ניי. ארום די ווענט שטעהען אלמערס מיט דיקע ביכער. בארנעט זיצט אויף אַן אָפיס טשער, די פיס פערוואָרפען אויפ'ן דעסק, איז פערטיעפט אין אַ צייטונג. פון צייט צו צייט לאָזט ער ארויס אַ שווערען זיפץ און ווארפט טרויעריגע בליקען אויף זיינע ביכער. בעלא קומט אריין אַ נערוועזע).

בעלא (סארקאסטיש): נו, מאקס? ווי געהען עפּעס דיינע געשעפטען?

מאקס (מיט אַ פאָרוואורף): בעללא! יעדער אנפאנג איז שווער...

בעללא (פערזאָרגט): שוין 6 מאָנאטען צייט ווי דיין לאָא־אָפיס איז געעפענט און מ'האָט נאָך קיין הונד פאר די אויגען נישט געזעהן. איך האָב

געמיינט, אז צו האָבען א לאַיער פאר א מאן איז בעסער ווי אן אַפּעריימאר. לאָזט זיך גאר אויס — —

מ א ק ס (פערביטערט): די קאָנקורענץ, בעל־לא, די קאָנקורענץ! עס זיינען דאָ מעהר לאַיערס ווי פראַצעסען!

צ י פּ ע (קומט אריין מיט אַ בריעף, דערלאַנגט עס מאַקסען אין האַנד אריין און געהט אָפּ).

מ א ק ס (אויפגעלעגט): א בריעף! (כאַפּט דעם בריעף, בעטראַכט דעם ענוועלאָפּ און ווערט צוריק טרויעריג.)

ב ע ל א: פון וועמען איז דער בריעף?

מ א ק ס: עה, גאר ניט. פון מיין גוטען ברודער דזשייקאָבס. דער טרעמפּ וויל מסתמא ווייטער באָרגען ביי מיר א פּאָר דאָלאר. נאָך דער פּאַסקודניק פעהלט מיר אויס צו מיינע צרות! (ער עפענט דעם בריעף גלייכגילטיג און פאַנגט אָן לעזען. זיין מינע בייט זיך באלד. מיט יעדער סעקונדע ווערט זיין געזיכט אַלץ ליכטיגער).

ב ע ל א (זעהר נייגעריג): וואָס שרייבט ער דיר? וואָס וויל ער?

מ א ק ס (ענטהוזיאסטיש): בעלא, ס'איז שוין אַלל רייט! מיין ערשטער קליענט קומט באלד. אָט הער, וואָס דזשייקאָבס שרייבט מיר (לעזט):

„מיין ליעבער מאקס. איך האָב נעכטען געגעסען מיטאג מיט'ן פרעזידענט פון די „בראַנזוויל ניו לאָטס און קאַנארסי ריעל עסטייט קאָמפּאני". בעת אונזער געשפּרעך האָט ער זיך פאר מיר בעקלאָגט אז ער האָט זעהר פיעל צרות מיט זיין אַדוואָקאַט, אז זיין פירמא איז פון איהם זעהר נישט צופרידען. ווען זיי וואָלטען געפונען, האָט ער מיר ערקלעהרט, א יונגען, טאַלאַנט־

פולען לאיער, וואלט ער געקענט ביי זיי האבען א גאל־
דענע פאזיציע אויף זיין לעבען לאנג. דאס הערענדיג,
האב איך זיך דערמאנט אן דיר און האב איהם געגע־
בען דיין אדרעס. מארגען פריה, ארום צעהן א זייגער,
וועט ער זיין ביי דיר. נעהם איהם אויף מיט פאראד.
ער איז א שטיין־רייכער מאן און האט זעהר ליעב
כבוד. כדי זאלסט פערשטעהן ווי אזוי צו רעדען מיט
איהם, וויל איך דיר בעמערקען, אז ער נעהמט א
גרויסען אינטערעס אין יתומים און האט זיך ליעב
צו באדען אין ים און האלט זיך פאר א גרויסען שווי־
מער. אן אלט גלעזעל ווײן מיט א האלב־דאלארדיגען
סיגאר האט ער אויך ניט פיינד. הכלל, מאקס, זעה
וואס דו האסט צו טהאן.

דיין איבערגעבענער פריינד

ד ז ש י י ק א ב ס".

מ א ק ס (א בעגייסטערטער): אך, מיין טייי־
ערער דזשייקאבס! איך האב איהם אבער שטענדיג
געהאלטען פאר מיין בעסטען קאמעראד! (לויפט צו
צו בעלא, נעהמט זי ארום) זעהסטו? לאנג געווארט
אבער עס קומט. אונזער ערשטער קליענט איז א מי־
ליאנער. (לויפט ארום איבער'ן צימער שטארק צער־
שטרייט) א מיליאנער, א מיליאנער! און ארום צעהן
א זייגער קומט ער צוגעהן (שטורמיש) ציפע! ציפע!
(ציפע קומט צו לויפען). ציפע! באלד קומט אהער א
קליענט, א מיליאנער! ווען ער וועט קלינגען, זאלסטו
איהם גלייך עפענען, זאלסט זיך פאר איהם פערניי־
גען, זאלסט איהם נישט לאזען ווארטען קיין מינוט,
זאלסט איהם גלייך ארײנלאזען צו מיר. דו הערסט,
ציפע?

צ י פ ע: אלרייט, מיסטער. (אב).

מ א ק ס: און דו, בעלאַ, וועסט מוזען איצט פון דאַנען אוועקגעהן, דו פערשטעהסט?... א לאַפּ־אַפּים און דאָס ווייב זאָל דאָרט זיצען... ניין, ס'איז ניט לאַיער־מעסיג. (בעלא אַב אין אַנדערען צימער).

מ א ק ס (צוטראָגען): ציפּע, ציפּע! (ציפּע קומט ווידער אריין) האָסטו ביי זיך עפּעס קליינ־געלד?

צ י פּ ע: וויפיעל דאַרפט איהר, מיסטער באַר־נעט?

מ א ק ס: כ'ווייס? א צוויי־דריי דאָלאַר. (ציפּע בויגט זיך אָן און שלעפּט ארויס פון זאָק א קני־פּעל). ניין, ציפּע, דאַרפסט עס מיר ניט געבען! כאַפּ זיך ארויס און ברענג שנעל אריין א פלאַש וויין און א דריי־פיער פון די בעסטע האוואַנאַ־סיגאַרס. פער־שטעהסט, ציפּע? די בעסטע! (ציפּע אַב. מאַקס שפּאַנט ארום איבער'ן צימער אַ נערוועזער און רעדט צו זיך אַליין). אזא קליענט! א מיליאָנער! א לעבען אויף מיין פריינד דזשייקאַבס! (נעהמט ארויס פון שראַנק אַ האַלבען טוצענד ביכער, צושפּרייט זיי אויפ'ן טיש, זעצט זיך ביים שרייב־טיש און פערטיעפט זיך אין אַ בוך.)

צ י פּ ע (קומט אריין מיט'ן וויין און מיט די סיגאַרען): ס'קאָסט צוויי דאָלאַר מיט 75 סענט. וואו זאָל איך עס אוועקשטעלען?

מ א ק ס: ס'איז אַלל רייט! איך קום דיר דריי דאָלאַר גלייך. די סיגאַרען גיב אהער און דאָס פלע־שעל וויין טראָג ארונטער אין בייסמענט. ווען איך וועל דיר בעפעהלען, זאָלסטו עס מיר ארויפברענגען אויף א טעצעל, מיט צוויי שעהנע גלעזלעך.

צ י פּ ע: יעסער! (אַב).

מ א ק ס (זיצט איבער'ן בוך און דרעהט זיך נער־

וועז אום יעדע רגע און הערט זיך צו צום גלעקעל).

ב ע ל א (שטעקט אריין איהר קאָפּ דורך דער שפּאַלט פון טהיר): ער איז נאָך ניט געקומען?

מ אַ ק ס: ניין, שאַ! אריין צוריק! (בעלא פערשווינדט, עס הערט זיך קלינגען).

מ אַ ק ס (שפּרינגט אויף): ער איז דאָ! (זעצט זיך צוריק און פערטיעפט זיך איבער'ן בוך).

צ י פּ ע ס ש ט י מ ע: יעס, סער! מיסטער בארנעט איז אין אָפּיס. געהען זי גלייך אריין, מיין הערר!

(אויפטריט מר. גאָלדענרייך, אַ מיטעליעהריגער מאַן, עלעגאַנט געקליידעט, מיט אַ פּיינעם, לעדערנעם פּאָרטפּעל אונטער'ן אָרעם).

ג אָ ל ד ע נ ר י י ך: גוט מאָרנינג, סער!

מ אַ ק ס (לויפט איהם אנטקעגען): גוד מאָר-נינג! גוט מאָרנינג! גוד מאָרנינג!

ג אָ ל ד ע נ ר י י ך (רוהיג): כאָטש כ'האָב ניט געהאט די עהרע אייך צו קענען, דאָך ע — —

מ אַ ק ס (דערלאַנגענדיג איהם אַ שטוהל): אָך, ענטשולדיגט, דאָס מאַכט ניט! מען האָט מיר שוין געמאָלדען וועגען אייער בעזוך. און כאָטש איך בין איצט שרעקליך פערנומען מיט מיינע פּראָצעסען, האָב איך אַלעס אָבגעלעגט און וואַרט דאָ אויף אייך. ביטע, זעצט אייך. מאַכט זיך בע-קוועם, ווי ביי זיך אין דער היים.

ג אָ ל ד ע נ ר י י ך: ווירקליך, זעהר ליעבענס-ווירדיג פון אייך. איך דאַנק אייך זעהר!

מ אַ ק ס: איך האָב אַזוי פיעל גוטעס געהערט וועגען אייך, אַז ס'איז פון תמיד אָן געווען מיין הייס-טער וואונש מיט אייך זיך צו בעקענען.

ג א ל ד ע נ ר י י ך : איך דאנק אייך, איך דאנק אייך.

מ א ק ס (דערלאנגט איהם א סיגאר) : איהר רוי־כערט דאך מסתמא? דאס זיינען זעהר פיינע סיגא־רען! דער פרעזידענט פון די יונייטעד סיגאר סטארס האט מיר אריינגעשיקט א גאנצע באקס פון זיי לעצטע וואך, ווען איך האב געוואונען פאר איהם א פראצעס.

ג א ל ד ע נ ר י י ך : איך דאנק אייך, איך דאנק אייך.

מ א ק ס : ס'איז זעהר א שעהן וועטער דרוי־סען, די זון שיינט א פערגעניגען!

ג א ל ד ע נ ר י י ך (אין פערלעגענהייט) : כ־כ־ניין, ס'איז דוקא א ביסעל פערוואלקענט. איך רעכען אפילו, אז עס וועט באלד אנהויבען רעגענען, אויב עס רעגענט שוין נישט...

מ א ק ס (אביסעלע פערלארען) : ע־ע, ווירקליך, ווירקליך, כ'האב שוין אויך וועגען דעם געקלעהרט. אזעלכע כמורנע טעג. רק עס רעגענט. די ארימע יתומות פיהלען זיך זעהר אונגליקליך אין אזא וועטער.

ג א ל ד ע נ ר י י ך (צוואורפענדיג איהם א משיקאווען בליק) : יא, ביי אן ארימער יתומה נעבעך איז דער הימעל אימער פערוואלקענט.

מ א ק ס (פאלט ביי זיך ניט אראפ) : אבער אין א רעגענ־טאג פיהלען די יתומות נאך אונגליקליכער ווי ווען די זון שיינט. בע, די רעגענדיגע טעג דער־עסען זיך מורא'דיג. מען קען אפילו ניט כאפען א שווים אין ים.

ג א ל ד ע נ ר י י ך (קוקט איהם אן מיט פער־בארגענעם שטויגען) : דער אמת'ער שווימער שווימט אין א רעגען אויך.

צ י פּ ע (קומט אריין): א קליענט וויל אייך זעהן.

מ א ק ס (אונגעדולדיג): זאָג איהם ער זאָל ווארטען, אדער קומען אַן אנדערס מאָל! איך בין פערנומען.

צ י פּ ע: יעסער! (אָב).

מ א ק ס (מיט התפּעלות): יעס, יעס, דער אמת'ער שווימער שווימט אין רעגען און אין זונשיין! דער וואָס קען שווימען און האָט ליעב צו שווימען שווימט אימער. א גוטען שווימער בעוואונדער איך פּונקט ווי א גרויסען מוזיקער!

ג אָ ל ד ע נ ר י י ך: אך, יעס, איך קען מיר פאָרשטעלען, כאָטש איך אליין האָב שוין 25 יאהר ניט אריינגעשטעקט קיין פוס אין קאַלט וואסער.

מ אַ ק ס: ווי בעשיידען איהר זיינט! דאָס איז שוין די נאַטור פון אלע אמת'ע שווימער. איך ווייס אָבער, אז שווימען איז ביי אייך דאָס לעבען. ווער ווייס ניט, אז איהר זייט א בעריהמטער שווימער?

ג אָ ל ד ע נ ר י י ך (פערוואונדערט): איך?!

מיין ליעבער הערר. איך ציטער פאר קאלט וואסער אזוי ווי פאר'ן טויט. איבריגענס, דענק איך, אז איך פערנעהם ביי אייך צו פיעל צייט. לאָמיר רעדען וועגען געשעפטס־זאכען.

מ אַ ק ס (אויפגעלעגט): אך, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! (זעצט זיך צום שרייב־טיש מיט אַ וואזש־נער מינע).

ג אָ ל ד ע נ ר י י ך: איהר האָט, זעה איך, זעהר עלעגאנטע מעבעל. אזעלכע מעבעל איז זעלטען וואו צו זעהן אפילו אין די עלעגאנטעסטע אָפיסעס, האָט איהר טהייער בעצאָהלט דערפאר?

מ אַ ק ס : ניט זעהר. בלויז א טויזענד דאָ־לאַר.

גאָלדענרייך: אויב אזוי, האָט איהר גע־האנדעלט אן אמת'ע מציאה.

מ אַ ק ס: עס פרעהט מיך זעהר וואָס מיין מעבעל געפעלט אייך. אָבער איידער מיר גערען אי־בער צו ביזנעס, האָף איך, אז איהר וועט זיך ניט ענטזאגען צו טרינקען מיט מיר א גלעזעלע וויין.

גאָלדענרייך (נאָכגיביג): מילא, אז עס פערשאפט אייך פערגעניגען, לאָמיר טרינקען וויין.

מ אַ ק ס (קלינגט. ציפּע קומט אריין): ברענג ארויף פון קעלער אן אלט פלעשעל וויין!

צ י פּ ע: איהר מיינט דאָס פלעשעל, וואָס איך האָב איצטער געקויפט?

מ אַ ק ס (צואווארפענדיג איהר אַ מערדערישען בליק, גיט איהר אַ וואונק): ברענג אן אלט פלעשעל וויין, זאָגט מען דיר, גאָר אן אלטס! (ציפּע, צוטומעלט, אָב).

מ אַ ק ס (אין פערלעגענהייט): אזוי זיינען זיי שוין די דיענסטען. ניט מעהר, זי איז אן אָרימע יתומה האָב איך אויף איהר רחמנות. (בייט דעם טאָן). געפעלט אייך, אלזא, מיין מעבעל? א מאָדערנער אד־וואָקאט מוז האָבען אזעלכע צימער, וואו מען זאָל קענען אויפנעהמען די רייכסטע און אנגעזעהענסטע מענשען, אַט למשל ווי איהר.

גאָלדענרייך (זעהר בעשיידען): יעס. אונזער פירמע איז איינע פון די רייכסטע אין ניו־יאָרק.

מ אַ ק ס: איך האָב אין דעם קיין איינציגע מינוט ניט געצווייפעלט. (ציפּע קומט אריין מיט'ן

פלעשעל וויין און צוויי גלעזלעך).

צ י פ ע : כ׳האב איבערגעקעהרט דעם גאנצען בייסמענט און כ׳האב דארט ניט געפונען קיין אלטען וויין. האב איך געמוזט ארויפברענגען דאס פלע־שעל, וואס איך האב פריהער געקויפט.

מ א ק ס (מיט א לאַיערשען דריידעל) : האסט אודאי געזוכט אין שכן׳ס קעלער. קענסט געהן. (ציפע אב). זי איז נאר וואס צו מיר אנגעקומען, אן ארימע יתומה נעבעך און זי ווייסט נאך קיין זאך ניט פון אונזער באלעבאטישקייט.

צ י פ ע (קומט אריין).

מ א ק ס (געערגערט) : נו, וואס איז שוין וויע־דער?

צ י פ ע : דער דזשענטעלמען, וואס ווארט אויף אייך, זאגט, אז ער קען שוין לענגער ניט ווארטען, און טאמער נעהמט איהר איהם איצט ניט אויף, געהט ער שוין אוועק.

מ א ק ס (אויפגערעגט) : איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז איצט בין איך פערנומען, און אויב דער דזשענטעלמען האט קיין צייט נישט, זאל ער זיך אוועקגעהן; ס׳פעהלט דען אוים אדוואקאטען אין ניו־יארק! וואס קומען זיי עפעס אלע צו מיר? (ציפע אב). מיינע קליענטען לאזען מיך גאר ניט רוהען. אט ווי איהר זעהט, גאנצע טעג, גאנצענע טעג...

נ א ל ד ע נ ר י י ך : איהר ברויכט צופריע־דען זיין, מיין הערר, וואס איהר האט אזוי פיעל קליענטען.

מ א ק ס : יע, אבער צו פיעל טויג אויך ניט. זיי גיבען צומאל קיין צייט ניט אפצועסען. (גיסט אן וויין אין די גלעזלעך).

גאָלדענרייך: ווען ביזנעס געהט גוט, איז קיין אומגליק ניט, אז מען פערפעהלט א מאָל א מאָלצייט.

מאַקס (שלאָגט אָן זיין גלעזעל אָן גאָלדענרייך'ס): אלזא, פאר אייער געזונד! (זיי טרינקען).

מאַקס: פערגעסט אבער ניט, אז צופיעל ביזנעס גיבען אייך קיין צייט ניט אויף א ביסעלע פערגעניגען. אָט, למשל, בין איך א ליידענשאפטליכער שווימער. נאטירליך, איך בין ווייט ניט אזא שווימער ווי איהר —

גאָלדענרייך (בעטראכט איהם מיט א קוים בעמערקבארען שמייכעל): מילא, אז איהר ווילט דורכאויס האָבען, אז איך בין א גרויסער שווימער, בין איך; נאָר צווישען אונז גערעדט, קען איך שווימען פונקט ווי א האק אהן א הענטעל. לאָזט מיר אריין אין א טיעף וואסער, זינק איך אראָפּ ווי א ציעגעל. (נאָכ'ן דריטען גלעזעל). איך האָב אָבער א בעקאנטען וועלכער איז יאָ א גרויסער שווימער. ווען ער רעדט, שווימט ער מיט די הענט אין דער לופט, — אָט אזוי, אָט אזוי (ער פיהרט זיינע הענד איבער'ן טיש און ווארפט אַלעס אַראָפּ אויף דער ערד.)

מאַקס: נאָך אייער ארבייטען מיט די הענד זעה איך, אז איהר זיינט אַ טשעמפּיאָן־שווימער.

גאָלדענרייך (צואוואַרימט): ווען מיר, אלזא, רעדען וועגען ביזנעס. יאָ, דאָס קאפּיטאל פון אונזער פירמע בעטרעפט צעהן מיליאָן דאָלאַר.

מאַקס (שטראַהלט פון פרייד): צעהן מיליאָן!

גאָלדענרייך: יעסער, און די פירמע איז דערצו זעהר א סאָלידע.

מ אַ ק ס (דערלאַנגט איהם נאָך אַ סיגאַר): פּליעז, פּערדרויכערט אַ פרישען סיגאַר.

ג אַ ל ד ע נ ר י י ך: אַ דאַנק (פּערדרויכערט.) אונזער פירמע — (ציפּע קומט אריין).

צ י פּ ע: מיסטער בארנעט!

מ אַ ק ס (אַן אויפגעקאָכטער): וואָס איז שוין ווייטער?

צ י פּ ע: דער הערר האָט מיך נאָך אַ מאָל אריינגעשיקט איך זאָגען, אַז אויב איהר נעהמט איהם ניט גלייך אויף, געהט ער שוין אוועק.

מ אַ ק ס (דורכשטעכענדיג זי מיט די אויגען): געה! געהערט אַ סקאַנדאַל? ! מען זאָל זיך אָנזעצען נאָר אויף איין לאַיער!

צ י פּ ע: ער זעהט אויס צו זיין זעהר אַ פיינער מאַן. איך קען עס איהם ניט... זאָגען!

מ אַ ק ס (מיט אַ דונערענדער שטימע): געה! וועסט מיר דערצעהלען שפּעטער דיינע איינדריקע וועגען איהם! (ציפּע אָב).

ג אַ ל ד ע נ ר י י ך: מעגליך אַז איך שטער אייך. (נעהמט זיין פּאָרטפּעל אין האַנד.) איך האָב צייט אַן אַנדערס מאָל מיט אייך צו רעדען.

מ אַ ק ס (צונעהמענדיג ביי איהם דעם פּאָרטפּעל): אבסאָלוט ניט, מיין הערר, אבסאָלוט ניט! איהר שטערט מיך ניט אויף דאָס מינדעסטע! איהר זיינט ביי מיר דער ווילקאָמענסטער גאַסט!

צ י פּ ע (קומט ווידער אריין).

מ אַ ק ס (שפּרינגענדיג אויף אַ צורייצטער): ביזט שוין ווידער דאַ?!

צ י פּ ע (אין פערלעגענהיים): דער דושענ־

טעלמען... ע... ער קען ניט ווארטען, ער געהט שוין אוועק!

מ א ק ס: זאל ער געהן! זאל ער געהן, און דו געה אויך און דול נישט מעהר קיין קאפ, און נאך א מאל אז דו וועסט זעהן, אז איך זיץ מיט א מענ־שען, זאלסטו ניט אריינקומען אין דער מיט מיר צו שטערען. פערשטאנען?

צ י פ ע: יעס, סער! (אב).

מ א ק ס: דאס מיידעל מאכט מיך נע־ווועז! ווען זי איז ניט קיין יתומה, וואלט איך זי גלייך אוועקגעשיקט.

ג א ל ד ע נ ר י י ך: אבער, מיין הערר, איך קען ניט פערלאנגען איהר זאלט מיר אוועקגעבען אזוי פיעל צייט. לאזט מיך אייך זאגען וועגען וואס איך בין צו אייך געקומען...

מ א ק ס: מיט דעם גרעסטען פערגעניגען!

ג א ל ד ע נ ר י י ך: (עפענט פאנאנדער זיין פארטפעל): אלזא, וויפיעל דענקט איהר קען בע־טרעפען דאס גאנצע ביסעל באלעבאטישקייט וואס איהר פערמאגט?

מ א ק ס (א ביסעלע פערלארען): דאס איז מיר אנמעגליך אייך צו זאגען. איך בין אזוי בעשעפ־טיגט מיט מיינע פראצעסען, אז איך האב קיין מאל קיין צייט ניט, אויסרעכענען וואס מיין באלעבאטיש־קייט איז ווערטה.

ג א ל ד ע נ ר י י ך (געשעפטסמעסיג): האט איהר עפעס ווערטהזאכען, ווי צום ביישפיעל, געלד, זילבער, דימענטען, קליידער, וועש?

מ א ק ס (גאנץ פערלארען): קליידער, וועש? יא, וואס דען? פונקט ווי אלע מענשען.

ג א ל ד ע נ ר י י ך: גו, נאַטירליך האָט איהר עס. אבער וויפיעל?

מ אַ ק ס (בעגיסט זיך מיט אַ קאַלטען שווייס): איך... איך ווייס אַליין ניט. דאָס ווייסט אונזער דיענסט. (רופט) ציפּע! (ציפּע קומט אריין.) זאָג נאָר, ציפּע, וויפיעל קליידער און וועש האָבען מיר?

צ י פּ ע: וויפיעל? לאָמיר נאָר זעהן: איהר האָט איין פּאָר אַלטע הויזען, אַ אַלטען אויבעראָק אין שראַנק, צוויי פּאָר אונטערהויזען, צוויי געפּרעסטע העמדער, זעקס קראַגען און — — —

מ אַ ק ס (וואַרפט איהר פון דער זייט צוויי בליקען ווי צוויי מעסערס): איך פרעג דאָך וועגען אַלע זאַכען, וועגען אַלע וועש!

צ י פּ ע (כאַפּט דעם וואונק): אַך, איהר מיינט די גאַנצע וועש? אַ, ס'איז דאָ פינף טוץ אונטערהויזען, זעקס טוץ לייבלעך אין שראַנק, צוואַנציג טוץ געפּרעסטע העמדער אין דער לאַנדרי, אַ חוץ דעם איז דאָ הונדערט טוץ...

מ אַ ק ס (גיט אַ קריץ מיט די ציינער. ציפּע דערשרעקט זיך און לויפט ארויס): ווי איהר זעהט, פעהלען מיר ניט אויס קיין זאַכען און קיין וועש. אָבער, ענטשולדיגט, איז דאָס ווירקליך נויטיג צו ווי־סען צו אונזערע ביזנעס?

ג אַ ל ד ע נ ר י י ך: אַ, יעס. אונזער פירמע איז זעהר אַ ראַיעלע און אַן עהרליכע. מיר ברויכען וויסען גענוי וואָס איינער פערמאָגט.

מ אַ ק ס (מטושטש): פּאַרדאָן, ענטשולדיגט. בעג פּאַרדאָן. איהר זיינט דאָך דער פרעזידענט פון דער „בראָנזוויל, ניו לאָטס און קאַנאַרסי ריעל עסטייט קאָמפּאַניע", איז ע־ע....

גאָלדענגרייך (קוועטשט מיט די פּליי־צעס) : ווער, איך ?... (מיט אַ שמייכעל). אוי, הלואי וואָלט איך עס געווען ! (מאַקס פּנים ווערט לאַנג. שמאָל און פינסטער) לײַדער בין איך ניט מעהר ווי אַ פערזיכערונגס־אגענט פון דער מעטראָפּאָליטאַן לײַף און פייער אינשורענס קאָמפּאַניע.

מאַקס (ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן) : איז... ע... וואָס פערלאַנגט איהר ?

גאָלדענגרייך (רוהיג) : וואָס פערלאַנגט אַ פערזיכערונגס אגענט ? איך וויל פערזיכערען אייער לעבען און אייער אייגענטהום...

מאַקס (קריגט אַ שרעקליכען נערוועז־אַטאַק און פאַלט צו צום רוקען פון שטוהל) : באַנדיט! רויבער ! שווינדלער ! פאַר וואָס האָט איהר מיר גלייך ניט גע־זאָגט, אַז איהר זיינט ניט דער פרעזידענט פון — —

גאָלדענגרייך (אַ דערשראָקענער, כאַפּט זיין פּאָרטפעל מיט'ן קאַפּעלוש).

מאַקס (שרייט) : ציפּע, ציפּע !

ציפּע (לויפט אריין א דערשראָקענע) : יעס, סער !

מאַקס (מיט ציטערדיגע ליפּען) : דער דזשענ־טעלמאַן דאָרט... וואָרט נאָך אין צימער ?

ציפּע : ער איז נאָר וואָס אוועקגעפאָהרען אין אַן אויטאָמאָביל.

מאַקס : האָט ער געזאָגט ווי ער הייסט ?

ציפּע (דערלאַנגענדיג איהם א וויזיט־קאַרטע): אט דאָס האָט ער מיר צוגעוואָרפען און איז ארויס אַן אויפגעקאָכטער.

מאַקס (כאַפּט די קאַרד מיט ציטערדיגע הענד און לייענט) : „י. מ. וואַסערבלום, פרעזידענט פון

פון די בראַנזוויל, ניו לאָטס און קאַנאַרסי ריעל עס־טייט קאָמפּאַניע". (לאָזט זיך אויף גאָלדענגרייך'ען ווי אַ צורייצטער טיגער) מערדער, איהר האָט מיך רו־אינירט! דער מיליאָנער איז דאָ געזעסען און האָט געוואַרט און צוליעב אייך האָב איך איהם בעליידיגט און פעריאַגט!

גאָלדענגרייך (געשעפטסמעסיג): וועל, איך זעה, אז איהר זיינט היינט אַ ביסעלע אויפגע־רעגט. איך וועל קומען מאָרגען, וועלען מיר רעדען וועגען אינשורענס.

מאַקס (כאַפּט איהם אָן פאַר'ן קאָלנער): ראַז־באַיניק! מערדער! לומפּ! איהר האָט זיך אריינגע־כאַפּט ווי אַ גזלן אין מיין אָפיס, אויסגעטרונקען מיין ווייַן, אויסגערויכערט מיינע סיגאַרען — אררררויס!!!

(שטופּט איהם ארויס און וואַרפט איהם נאָך זיין רע־גענשירם).

מאַקס (לויפט ארום אַ פערוווירטער איבער'ן צימער מיטביידע הענד אין די האָר און ברומט): אַ מיליאָנער, אַ מיליאָנער! פאַר וואָס האָב איך גלייך ניט געפרעגט, ווי דער פאַרך הייסט! געוואַלד, פאַר וואָס האָב איך ניט פערלאַנגט די וויזיט־קאַרטע פון יענעם, פון דעם פרעזידענט פון... (פאַלט אריין אין זיין אָפיס־טשער אַ פערצווייפעלטער)...

בעלא (קומט אריין): נו, מאַקס ווי האָסטו עפּעס אויסגעמאַכט מיט דעם מיליאָנער?

מאַקס (קלאַפּט נערוועז מיט'ן פויסט אין טיש): דער מיליאָנער! דער מיליאָנער! כ'האָב איהם ארויסגעוואָרפען, כ'האָב איהם אויסגעפּאַטשט, איך וועל איהם נאָך שיסען אויך!

ב ע ל א (א פערציטערטע, ברעכט מיט די הענד):
וואס איז געשעהן, מאקס? וואָס איז געשעהן?!

מ אַ ק ס (וואהנזיניג): צום טייוועל מיט די מיליאָנערען! בלוטזויגערס זיינען דאָס, ניט קיין מי־ליאָנערען! איך ברויך ניט מעהר קיין מיליאָנערען. אויף דער שוועל וועל איך זיי ניט מעהר ארויפלאָזען. אזעלכע געמיינע הינד! (בערוהיגט זיך אַ ביסעל, ווארפט ארוי די פיס אויפ'ן דעסק און פילאָזאָפירט ביטער) מיין ערשטער קליענט! א מיליאָנער! כא, כא, כא!

(פאָרהאנג).

ארקאַדי אווערטשענקאָ

געראַטעוועט די צייטונג

דער ערשטער איז אריינגעקומען דער רעפּאָרטער קוסקין.

„ענטשולדיגט, הערר רעדאקטאר!“ — האָט ער אויסגערופען, „עס איז מיין שולד!“

„וואָס איז געשעהן?“ — האָט געפרעגט דער רעדאקטאר א צושראָקענער, פּיהלענדיג, אז עפּעס אן אונגליק האָט פּאסירט.

„איך האָב אייך נעכטען געגעבען א שטיקעל נייעס וועגען א אינגעל וואָס האָט זיך דערטרונקען. און ער, דער פּאסקודניק, האָט אפילו אין זינען ניט געהאט זיך צו דערטרינקען! קוקט ניט אויף מיר אזוי בייז... איהר נעהמט ביי מיר אוועק א האַלבען לעבען. בעסער דערלאַנגט מיר א פּלעם אין מאָרדע“.

דער רעדאקטאר האָט פּערקריצט מיט די צייהן און האָט זיך אָפּגערופען:

„מיט וואָס פאר א פּערגנ... וואָלט איך עס איצט אָנגענומען דיזע לאַנגע שער, און זי אריינגעהאקט אין אייער אידיאָטסקען רוקען און זי דאָרט א דרעה געטהאָן, אזוי, א צעהן מאָל!“

עס לויפט אריין א צווייטער רעפּארטער, מישקין.

„הערר רעדאקטאר!“ — האָט ער צושראָקען נענומען דרעהען מיט די אויגען, פּערפאַהרט מיר אין באק!“.

„וואָס הייסט?... פאר וואָס קומט עס אייך!?“

„דערלאַנגט, דערלאַנגט, איהר וועט שוין נאָכ־הער אויסגעפינען, אז איך בין עס ווערט. נו, נו, האַקט מיר ארויס א פּאָר צייהנער!“

מישקין איז געבליעבען שטעהן, און ווארטענ־דיג אויף די פּעטש, האָט ער דערווייל גענומען זויגען נערוועז דעם שפּיץ פון זיין בליי־פעדער.

„וואָס!“ — האָט זיך שוין דער רעדאקטאר אַנגעשטויסען — „ס'איז גאָר קיין געשלעג ניט גע־ווען? און דו האָסט מיר דערלאַנגט א גאַנצען קאַ־לום וועגען א ראיאט! אז דערווערגען זאָלסטו זיך מיט'ן בלייפעדער, דו לומפּ איינער! אין קבר וועט איהר מיר יונגערהייד פערטרייבען!!“

„ס'הייסט“ — האָט מישקין גענומען שטאַמ־לען — „ס'איז יא געווען א געשלעג. נאָר ניט אויפ'ן מארק, זאָנדערן אין א פּריוואַט הויז. און ניט קיין געשלעג אין אמת'ן זין פון וואָרט, נור א פּאָר אידען האָבען זיך אביסעל פערהערט אין יחוס... צום טייפעל, איך ווייס אליין ניט וואָס איך האָב דאָרטען אָנגעפּלאָנטערט!“

דער רעדאקטאר האָט נערוועז א כאַפּ געטהאָן די שער און —

אין דערזעלבער מינוט איז אריינגעלאָפען א דריי־טער רעפּאָרטער, רעדקין. ער איז שוין געווען דער היפּוך פון זיינע חברים. א פריילּיכער און א מונ־טערער האָט ער ארויסגעשאסען:

„מיינע העררען! איך וויל אייך אָנזאָגען א גוּ־טע בשורה: אונזער פּאָעט מייקעלסאָן, וועגען וועל־כען איך האָב נעכטען געשריעבען, אז ער האָט זיך אין א רעסטאָראַנט פער'סמ'ט מיט א פּאַרציע פיש, האַלט ביים געזונד ווערען. מאָרגען שטעהט ער אויף פון

בעט!"

דער רעדאַקטאָר האָט מיט פּעראַכטונג אַ קוק געטהאָן אויף רעדקינ'ס לעבעדיגען פּנים, און האָט פון צווישען די צייהן אַרויסגעזאָגט:

„אידיאָט!"

„איך וועל ניט זאָגען" — האָט רעדקין גאַנץ אונשולדיג צוגעגעבען — „קיין גרויסער חכם איז מייקעלסאָן קיינמאָל ניט געווען, אָבער דער עולם האָט איהם האָלד צו לעזען".

„ניין!" — האָט דער רעדאַקטאָר אויסגעדונערט — „איך מיין ד ו ביזט אַן אידיאָט! וואָס לאַכסטו!? וואָס איז דאָס פאַר אַ שכל צו שרייבען פאַלשע נייעס פאַר דער צייטונג?"

רעדקין איז געבליבען אָהן לשון. זיין פרעהליכע שטימונג איז ווי מיט'ן האַנד אַפּגענומען געוואָרען.

דער ערשטער רעפּאָרטער, קוסקין, האָט איהם צוגעוואָרפען אַ בליק און האָט אַ וואָרטשע געטהאָן:

„ביזט טאַקע אַן אידיאָט, רעדקין!"

דער צווייטער רעפּאָרטער, מישקין, האָט שטי־לערהייד צוגעלעגט:

„דו ביזט ניט נור אַן אידיאָט נור אויך אַן אמת'ע בהמה..."

דער רעדאַקטאָר האָט זיך ניט צוגעהערט, וואָס די רעפּאָרטערס האָבען גערעדט. ער איז געזעסען אַ דער־שלאָגענער, מיט אַ בליי־פעדער אין האַנד און האָט נערוועז עפּעס גע'חשבון'ט און אונטערגעוואָרטשעט:

„פאַר'ן בלאָף מיט דעם דערטרונקענעם אינגעל, קענען אונז דעם אינגעלס עלטערען אַנקלאָגען אויף 50000 רובעל; פאַר'ן „געשלעג", פון 500 ביז 1000 רובעל; פאַר פאַר'סם'ען דעם פּאָעט — מסתמא אויך

א פּאַר רובעל; צוזאַמען איז דאָס א שעהנע חתונה!"

דער רעדאַקטאָר האָט צונויפגעדריקט די שלייפען מיט זיינע קולאַקעס, האָט זיך פערטראַכט, און אויפ־הייבענדיג דעם קאָפּ האָט ער זיך אָפּגערופען:

„הערט אויס, חברה!... מיר מוזען ראַטעווען די צייטונג! עס איז דאָ א י י ן מיטעל...."

אַלע דריי רעפּאָרטערס האָבען ווי איין מאַן אויסגערופען:

„זאָגט וואָס. מיר זיינען גרייט אויף דאָס ערגס־טע! סיי ווי האָבען מיר שוין ניט וואָס צו פער־לירען".

„געהט", האָט זיך דער רעדאַקטאָר צו זיי גע־ווענדעט — „און מאַכט אַזוי, אַז אַלעס וואָס איהר האָט געשריעבען זאָל זיין אמת..."

* * *

מיט צעהן מינוטען שפּעטער, האָט קוסקין גע־פיהרט א באַרוועסען אינגעל, וועלכער האָט געהאַל־טען אין איין פייפען אויף א בלעכענער טרובע, און האָט מיט איהם איינגע'טענה'ט:

„אינגעלע קום צום טייך, איך וועל דיר דאָרט עפּעס ציינגען".

דאָס אינגעלע האָט זיך פעראינטערעסירט:

„וואָס וועט איהר מיר דאָרטען צייגען, מיסטער? א ראַק?"

„דאָרט וועסטו זעהן ראַקעס, פיש — אַלעס! דו קום נאָר מיט מיר; האָב קיין מורא ניט".

דאָס אינגעל האָט מיט געשפּאַצירט מיט'ן רע־פּאָרטער, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום טייך, אויף אַן אָרט וואו דער ברעג האָט זיך אויפגעהויבען א 20 פוס איבער'ן וואַסער.

„זעהסט!" — האָט קוסקין אָנגעצייגט דעם אינ־געל, מיט'ן פינגער אויפ'ן הימעל און געבענדיג איהם א שטארקען שטויס אין פּלייצקע האָט ער איהם אריינגעשליידערט אין וואסער.

דעם אינגעל'ס בּאָרוועסע פּיסלעך האָבּען זיך א צאַפּעל געטהאָן אין דער לופטען און דאָס וואסער האָט איהם צוגעדעקט.

מורא האָבּענדיג, אז דאָס אינגעל זאָל נאָך חלילה ניט ארויסשווימען צוריק, איז ער א ווײלע געבּליע־בּען זיצען אויפ'ן בּרעג. צום גליק איז אָבּער זיין מורא געווען אן אומזיסטע...

א בּערוהיגטער, א צופריעדענער האָט ער זיך אוועקגעשפּאנט צום מארק.

רעדקין, דער דריטער רעפּאָרטער, איז מיט אן אונגעהויערע שמחה אריינגעלאָפען צום פּאָעט מיי־קעלסאָן אין צימער און האָט זיך איהם ארויפגעוואר־פען אויפ'ן האלז קושען:

„וואָס־זשע מאכסטו, גוטער בּרודער? בּעסער. הא? ניין, ניין! איך האָבּ דיר געבּראכט א פלאש ווײן: לאָמיר מאכען א „לחיים!" טהייערער ווײן! — אן אנטיק אין דער וועלט — זעהר געזונד!"

רעדקין האָט אָנגעגאָסען צוויי גלעזער ווײן און אָפּוואַרטענדיג א מאָמענט ווען דער פּאָעט האָט זיך אָבּגעקעהרט, האָט ער אין זיין גלעזעל אריינגעשאָ־טען א ווייסען פּראָשעק... און אויסשרייענדיג: „לחיים!" האָט דער פּאָעט אריינגעגאָסען דאָס גלע־זעל מיט איינמאָל, האָט אויסגעשטארט די אויגען און איז צוגעפאלען צום קישען — א טויטער...

א טייפעלשער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען אויפ'ן פּנים פון רעפּאָרטער: „פאַרטיג!..."

ער האט צוגעלעגט א קליין שפיגעלע צו די ליפען פון בר־מנן, און זעהענדיג, אז ער אטהעמט ניט מעהר, איז ער א גליקליכער, א צופריעדענער אויף אוועק אויפ'ן מארק. דארטען האבען זיך צוזאמענגע־טראפען אלע דריי רעפארטערס.

מישקין, דער צווייטער רעפארטער, איז צוגע־גאנגען צו א שיכור'ען פאניע און האט מיט א געמאכ־טער אויפרעגונג אויסגעפלאצט:

„און איהר ערלויבט עס, אז יענער פארך זאל אייך רופען גנב?!“

דער שיכור'ער פאניע האט אויפגעהויבען זיי־נע פערגאסענע אויגען און האט געפרעגט:

„ווער האט עס מיך אזוי גערופען?“

„ער!“ — האט דער רעפארטער אנגעצייגט אויף א רוהיגען עקספרעסמאן וואס איז געזעסען אויף זיין וואגען און האט געדרעמעלט.

„אח, איך וועל איהם באלד צייגען ווי מיך צו רופען גנב!“ —

דער פאניע איז צוגעגאנגען צום עקספרעסמאן און איז איהם גאר אונערווארטעט אריינגעפאהרען אין די צייהענר.

דער עקספרעסמאן האט זיך אראפגעקויקעלט אויפ'ן טראטואר, ווי א סנאפ. די איבעריגע עקספרעסלייטע האבען עס דערזעהן און האבען זיך ארויפגע־ווארפען אויף דעם שיכור'ן פאניע.

א בלוטיגע שלאכט האט זיך פלוצלונג צופלא־קערט איבער'ן גאנצען מארק, און די רעפארטערס זיינען פרעהליכע אוועק אין רעדאקציע.

— — — — — — — — — — — — — —

די צייטונג איז געווען גערעטעט!..

ל. קעסנער

געהרג׳עט די ווייב

ווען היימאן גוטהארץ איז געזעסען אין שאקעל־שטוהל, שטארק פערטיעפט איבער אן ערקאטישען ראַ־מאן, איז צו איהם פלוצלונג צוגעקומען זיין יונגע ווייבעלע מיט א טאסע קאווע אין האנד.

— היימעלע — האט זי זיך אפגערופען מיט א צערטליכקייט וואס מען הערט נור פון פרויען א וואך נאך דער חתונה, — היימעלע, טרינק א גלעזעל וואַ־רעמס!

היימאן האט זיך ווי פון שלאף אויפגעכאפט. ווען ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און דערזעהען זיין דארא׳ן, איז זיין מאמענטאנער איינדרוק געווען, אז די „העלדין“ פון ראמאן האט ארויסגעשוועבט פון די בלעטלעך פון א בוך און זיך אוועקגעשטעלט פאר איהם, און ער איז געווארען עטוואס צוטומעלט. דארא, בעמערקענדיג זיין צוטומעלטקייט, האט זיך עפעס ווי געפיהלט שולדיג און שטיפעריש ארייגפאהרענדיג מיט איהרע פינגער אין זיינע האאר, האט זי בעמערקט:
— וואס איז, היימעלע, האסט זיך דערשראקען? דאס בין איך דאך, דיין דארעלע!

דארא איז געווען אנגעטהאן אין א דורכזיכטי־גער „קימאנא“, וואס האט איינגעהילט איהר שעהנעם קערפער ווי אין א לייכטען נעבעל, דורך וועלכען עס האבען ארויסגעשימערט די ווייכע ליניען פון איהר פיגור.

— ניין, דאַרעלע, — האָט היימאַן געענטפערט נאָך אַלץ אונטער דעם איינדרוק פון ראָמאַן — איך האָב זיך ניט דערשראָקען — און בעטראַכטענדיג איהרע שעהנע, ווייסע אַקסלען און דעם פערפיהרע־רישען שמייכעל אויף איהרע רויטע ליפּעלעך, האָט ער אַ שליידער געטהאָן דעם בוך אויף דער ערד, און האָט זיך אָפּגערופען:

— מיין האַרץ, מיין נשמה, מיין דאַרעלע! — און האָט איינגעגראָבען זיינע ליפּען אין איהר נאַקען.

— אַי, דו נאַשער! — האָט איהם דאַרא גע־מוסרט — הער אויף, דיינע וואָנצעס קיצלען מיך!

דאַרא האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן ווי אַ פיש און — טראַך! די טאַסע קאַווע איז איהר אַרויסגע־פאַלען פון האַנד און איז צובראָכען געוואָרען.

— זעה, וואָס דו האסט דאָ אָפּגעטהאָן! — האָט זי אויסגערופען מיט כלומר'שדיגען כעס.

היימאַן האָט איהר אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס, האָט זי אַוועקגעזעצט אויפ'ן שויס און איהר פערמאַכט דאָס פּיסקעל מיט אַ קוש.

* * *

דער הילך פון דער צובראָכענער טאַסע אין היי־מאַן גוטהאַרץ'ס פראָנטרום האָט אָפּגעקלונגען אין קיטשען פון דער נעקסט־דאָריגער חנה גיטעל די טור־קערקע.

— הער נור, הער נור — האָט חנה גיטעל גע־צופּט איהר זלמנ'ען פאַר'ן אַרבעל — דאָס פּאָרעל רייסט זיך שוין אָרום. ערשט איין וואָך נאָך דער חתונה, און ער שלאָגט זי שוין.

און איבערלאָזענדיג איהר צווילינג אין מיטען

דייפערן האט זי זיך, ווי א גומענער באלל, ארונטער־געקייקעלט פון אלע טרעפ און — טוז! איז גראסערי סטאר.

נאך א צעהן מינוטיגען סוד׳ען זיך מיט קיבע דעם גראסערימאן׳ס פרוי, האט חנה גיטעל אויסגע־רופען אין דער הויך:

אזא מערדער איז דאס! איין וואך נאך דער חתונה זאל מען שלאגען א ווייב! — און אנצייגענדיג אויף א היבשען פאנפערניק, האט זי מיט ענטריסטונג פערענדיגט: — אט אזא באק האט ער איהר גע־מאכט!

— האט איהר שוין געהערט די נייעס? — האט מיט א פאר מינוטען שפעטער די גראסערי פרוי איינ־גערוימט א סוד דעם לאנדרימאן.

— וואס פאר א נייעס? — האט דער לאנדרי־מאן נייגיעריג אויפגעשפיצט די אויערען.

— איהר ווייסט גאר ניט? — האט איהם די גראסערי פרוי אנגעקוקט ווי א משוגענעם — דער באלעבעסעל פון טאפ־פלאר, ווי הייסט ער דארט? דער מיסטער גוטהארץ, האט דאך שיער ניט דער־הרג׳עט זיין יונגע ווייבעל! פאר אן אייביגע קאליקע האט ער דאך זי געמאכט!...

— וואס רעדט איהר! — האט זיך דער לאנדרי־מאן געכאפט פאר׳ן קאפ — פאר וואס? פאר ווען?

— איהר פרעגט פאר וואס? בראנפען! ער איז היינט אריינגעקומען א שפראץ אויף טאג, שיכור ווי לוט, און ווען דאס ארימע ווייבעל האט איהם אויס־גערעדט, האט ער געכאפט זיין שטעקען און האט איהר צובראכען רוק־און־לענד...

— אזא באסטארד! — האט זיך דער לאנדרי־

מען געקאַכט און, מיט שוים אויף די ליפּען, איז ער אוועקגעלאָפען אין בוטשער־שאַפּ.

— וואָס זאָגט איהר עפּעס צו אייער פיינעם קאַסטימער, מיסטער גוטהארץ? — איז ער א פער־סאַפּעטער צוגעלאָפען צו דער בוטשערקע, — ער האָט דאָך דער׳הרג׳עט זיין ווייב!

— זאל גאָט שומר ומציל זיין! — האָט זיך די בוטשערקע א פּאַטש געטהאָן מיטביידע הענד אין די באַקען — וואָס רעדט איהר!

— אט דאָס וואָס איהר הערט! דער׳הרג׳עט!

— אויף טויט?!

— ניין, ניין, וואָס דען, ניט אויף טויט? מיט א ביגעל־אייזען!

— מאַמעלעך! — האָט די בוטשערקע א קוויטש געטהאָן ניט מיט איהר קול — איך מוז שוין לויפען צום טעלעפאָן אפּרופען איהרע אָרימע עלטערן, אין בראַנזוויל. אזא אומגליק, אזא בראָך!

מיט א שטונדע שפּעטער איז אן אלטע פּאָר פּאָלק געלאָפען איבער׳ן גאַס, האָבען געבראָכען די הענד, זיך געריסען די האָר פון די קעפּ און זייערע קולות: אוי, מיין קינד, אוי, מיין טאָכטער, אוי, מיין דאָ־רעלע! האָבען געשפּאָלטען הימלען. הינטער זיי זיינען נאָכגעגאַנגען און נאָכגעלאָפען שכנים, פאַרבייגע־הער, יונגע, אלטע, מענער, פרויען מיט אָפענע מיי־לער, מיט טויט־ערנסטע געזיכטער און איינער האָט דעם צווייטען געפרעגט: ווער איז געשטאָרבען? ווע־מען האָט מען איבערגעפאָהרען? ווער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען?

ווען טאָטע־מאַמע האָט זיך קוים ארויפגעשלעפּט

אויף די טרעפּ צו גוטהארץ׳ס וואָהנונג, האָבען זיי געטראָפּען די טיהר פערשלאָסען.

— ברענגט אַ פּאָליסמאַן! — האָט איינער פון די נאָכלויפערס גע׳עצה׳ט.

אין אַ פּאָר מינוטען זיינען פינף פּאָליסלייט מיט אַ דאָקטאָר געווען אויבען און האָבען מיט געוואַלד אויפגעריסען די טיהר, און דער גאַנצער עולם האָט אריינגעשטראָמט אין הויז אריין.

אין הויז איז שטיל. ניטאָ קיינער. אין פראָנט־רום זיינען די פאַרהאַנגען ארונטערגעצויגען ביז ארונטער. אין מיטען צימער זיינען צוואָרפען שיך, זאָקען, אַ קאָרסעט און אַנדערע פרויען־זאַכען.

—אין בעד רום! אין בעד רום! — האָט חנה גיטעל די טוקערקע אָנגעצייגט אויף אַ פערמאַכטע טיהר.

די פּאָליסלייט און דער עולם נאָך זיי, האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן צום שלאָף־צימער און געגעבען אַ פּראַל אויף די טיהר.

* * *

מיסטער און מיסעס גוטהארץ זיינען געלעגען אין בעט, מיט פערפלאַמטע פנים׳ער, איינגעפלאָכטען איינס אין דאָס אַנדערע, און זיינען געשלאָפען ווי גע׳הרג׳עטע.

מאַרינאָוו און קעסנער

אין דער נאַכט פון זיין

יובילעאום

ווען מאיר יודמאַן, דער בעריהמטער ראָמאַנען־שרייבער פון „טעגליכען בלאַזער", איז געקומען אהיים פון א באַנקעט, וואָס זיינע פריינד האָבען איהם געמאַכט לכבוד דעם 75סטען יאהר פון זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט, האָט ער צו זיין גרויסער איבער־ראַשונג געטראָפען זיין שרייבצימער העל בעלויכ־טען און אָנגעפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ מיט מענער און פרויען.

„ברוך הבא! — אָט איז ער!" — האָט אויס־געריפען א שלאַנקער, בלאַסער יונגערמאַן, מיט אן אי־בערגעשניטענעם גאַרגעל.

„שלום עליכם א איד! וואָס מאַכט איהר?"— האָט איהם בעגריסט א מיטעליעהריגער איד, מיט אן אריינגעשטעקטען מעסער אין האַרץ.

„אה, סקאַצעל קומט!" האָט איהם א דריטער. ביי וועלכען עס האָט געשטעקט א האַק אין זיין גלאַנ־ציגען פּליך, דערלאַנגט די האַנד.

„קענט איהר מיך?" איז איהם אנטקעגנען גע־שפּרונגען א מיידעל מיט אן ארויסגעשטרעקטער צונג, און מיט א שטריק ארום האַלז.

„ניין!" האָט יודמאַן ארויסגעשטאַמעלט א צו־טומעלטער, „כאָטש דעם אמת געזאָגט, זענט איהר

מיר אַלע זעהר בעקאַנט. האַלט!" — האָט ער זיך געווענדעט צום מיידעל, מיט'ן שטריק אַרום האַלז — „כ'האָב מיך דערמאָהנט. זענט איהר דאָס ניט ביילע די פערפיהרטע? און איהר", האָט זיך דער ראָמאַנען־שרייבער אויסגעדרעהט צום אידען מיט דער האַק אין פליך, „זענט איהר דאָס ניט ר' פּינטשע גאון, וועמען די הוליגאַנעס האָבען ערמאָרדעט אין דער 1455סטער פאָרטזעצונג? אַצינד דערקען איך אייך שוין אַלע!" האָט יודמאַן אויסגערופען, אָנווייזענדיג מיט די פינגער אויף יעדען איינעם, „איהר זענט דאָך בענטשיק, דער העלד; און איהר, חיים דער מערדער; און איהר, פייפקע דער אינטריגאַנט; און איהר, אָה! בערל דער פּרינץ; טאָדרעס דער בישאָפּ; סאָסיע די גרעפין; גיטעל די אונשולדיגע; יקותיאל דער כינע־זער; פּאַלטע דער מענשענפרעסער; קאַטערינאַ די טוקערין — אָה, איך קען אייך אַלע, מיינע טייערע, מיינע ליעבע העלדען! אודאי מיך געקומען בעגריסען צו מיין 75־יאָהריגען יובילעאום? זעהר פיין פון אייך, זעהר אָנשטענדיג!"

„איך בין געקומען", האָט זיך אָבגערופען דער יונגער מאַן מיט'ן איבערגעשניטענעם גאָרגעל, „ווייל איך האָב צו אייך אַ טענה: וואָרום האָט איהר מיך געלאָזט ערמאָרדען אין דער שעהנער זומערצייט, ווען דאָס לעבען איז דעם מענשען אַזוי ליעב און טייער? און דאַן בין איך טשיקאַווע צו וויסען: וואָרום האָט איהר מיר ניט געגעבען קיין לייכטערע מיתה? וואָס וואָלט אייך געאַרט אַ שטייגער ווען איהר דערטרענקט מיך?"

„און איך האָב אויך אויף אייך אַ כעס", האָט דאָס מיידעל מיט'ן שטריק אויפ'ן האַלז זיך גענומען

פיעשטשען. „וואָס וואָלט איהר דערלעגט, ווען איהר לאָזט מיך לעבען נאָך א 70—80 פּאַרטזעצונגען, וואָלט איך דאָך שוין דעמאָלט איבערגעלאָזט א קדיש נאָך זיך, וואָס וואָלט אמאָל גענומען נקמה פאר זיין אונגליקליכער מוטער און וואָלט דער׳הרג׳עט זיין טאַטען?“

„און ווארום האָט איהר עפּעס גראד מ י ך געמאכט פאר א גזלן?“ האָט זיך צוגעוואָלדעוועט חיים דער מערדער, „ווארום האָט איהר פערשעהמט מיין משפחה? עס איז דאָך א געמיינער ליגען! א איד וואָס הייסט חיים קען ניט זיין קיין מערדער! א האָניג־קוועטשער קען איך זיין, א תלמוד תורה־קאָלעקטאר, אן אתרוג־ און משלוח־מנות־טראָגער, א ציצית־פעדלער — אבער בעגעהען א מאָרד דערפאר וואָס א שאַלטאק האָט פערפיהרט מיין טאָכטער? וואָס מיינט איהר בין איך אייך, אן איטאַליענער?“

„זאָגט נור, רב איד!“ — האָט „ביילע די פערפיהרטע“ זיך פערקרימט, „וואָס האָט איהר עפּעס פערשלעפּט מיין פערפיהרונג אזש ביז דער 1587סטער פאַרטזעצונג? איך האָב אויך אין מיין לעבען געלעזען ראָמאנען. א פערפיהרונג דארף פאַרקומען אין דער צעהנטער, אין דער פופצעהנטער פאַרטזעצונג! אָבער שלעפּען אן אונשולדיגע מיידעל ביז דער 1587סטער פאַרטזעצונג? דאָס איז דאָך פשוט א סקאנדאל! מען קען דאָך משוגע ווערען ווארטענדיג!“

„און איך, מיינט איהר, וועל עס אייך שענקען?“ האָט בענטשיק דער העלד געסטראשעט דעם ראָמאנען־שרייבער מיט א קולאק, „ווי לאנג נאָך וועט איהר אלץ אָבלעגען מיין חתונה פון איין קאפּיטעל צום צווייטען? שוין 385 קאפּיטלעך, אז איך בין פער־

ליעבט אין מיין גאָלדעלען; שוין 577 אינטריגעס האָב איך געמוזט בעקעמפפען; 1000 מסירות און שרעקעלישען; אַ אוצר האָב איך שוין אויסגעגעבען אויף שאַקאָלאַדע און מואווינג פּיקטשורס! וואָס מיינט איהר זיך, געלד און צייט איז בלאָטע?" און אונטערדרוקענדיג זיין קולאַק אונטער יודמאַנ'ס נאָז, האָט ער מיט אַ טיעפען באַם ארויסגעדונערט, „אין דער נעקסטער פאָרטזעצונג זאָלט איהר מיר חתונה מאַכען — איהר הערט? !"

דעם ראָמאַנען־שרייבער האָבען דיעזע אַלע פּאַרוואורפען זעהר אויפגערעגט.

„סטייטש!" האָט ער זיך צושריען, „ווי קומט א י ה ר, מיינע גייסטיגע קינדער, א י ה ר, וואָס זענט אין מיינע הענד ניט מעהר ווי דאָס לעהם אין די הענד פון אַ טעפּער, ווי קומט איהר מיר זאָגען דעות? מיין פּסיכאָלאָגישע קענטניסע האָבען מיר דיקטירט, אַז חיים זאָל זיין אַ מערדער, יקותיאל אַ בינעזער, פּלאָטע אַ מענשען־פרעסער און סאָסיע אַ גרעפין! מיין געטליכע מוזע האָט מיר אַליין אריינגערוימט אין אויער, אַז דו, בענטשיק, ביזט ניט קראַנק צו וואַרטען מיט דיין חתונה נאָך אַ טויזענד פאָרטזעצונגען, און אַז, אום אויפצוהאַלטען דעם אינטערעס פון די לעזער, האָט ביילע ניט געטאָרט פערפיהרט ווערען אין די ערשטע קאַפּיטלעך! זי האָט געמוזט וואַרטען ביז דער 1857סטער פאָרטזעצונג! וואָס איך טהו איז פּסיכאָלאָגיש ריכטיג און מיט ליטעראַריש־רעאַליסטישער אויסרעכנונג!"

„אַזאַ יאָהר אויף מיר, ווי דער מייסטער האָט רעכט", האָט סאָסיע די גרעפין אַפּלאָדירט, „זיי

קרענקט, וואָרום איהר האָט גראַדע מיך געמאַכט פאַר
אַ גרעפין".

„עס קרענקט, עס קרענקט, הא?" האָט בערל
דער פּרינץ גענומען די לעבער די איבעריגע העלדען פון
ראָמאַן, „ניין־ניין, איך האָט ער געזאָלט מאַכען פאַר
פּרינצען, הא?"

„מאַך צו דעם פּיסק, דו שלעפּער!" האָט בענ־
טשיק דער העלד אָנגעכאַפּט דעם פּרינץ פאַר'ן גאָר־
געל.

„בענטשיק, לאָז אָפּ מיין פּרינץ!" האָט זיך דער
ראָמאַנען־שרייבער אריינגעמישט און האָט זיי געוואָלט
פאַנאַנדערררייסען, „איך דאַרף איהם האָבען צו מיין
מאַרגענדיגער פאָרטזעצונג".

אָבער דאָ איז פּלאָטע דער מענשענפרעסער צו־
געשפּרונגען און האָט איהם מיט איין ביס אראָפּגע־
כאַפּט די רעכטע לאַנד, און בעלעקענדיג זיך, האָט ער
צוגעברומט: „ער'ט שוין מעהר קיין ראָמאַנען ניט
שרייבען!..."

באַלד האָט אויסגעבראָכען אַן אַלגעמיינע
שלאַכט: בערל דער פּרינץ איז געלעגען אין די האָר
פון קאַטארינאַ דער טוקערין, טאַדרעס דער בישאָפּ
האָט געדישעט גיטעל דער אונשולדיגער, סאָסיע די
גרעפין האָט זיך געראַנגעלט מיט'ן יונגען מאַן מיט'ן
איבערגעשניטענעם גאָרגעל, און פייפקע דער אינטרי־
גאַנט האָט אַרויסגעכאַפּט די האַק פון מאַן'ס גלאַנ־
ציגען פּליך, און האָט דעם ראָמאַנען־שרייבער גע־
נומען עפּענען דעם מוח.

„געוואַלד!" האָט דער ראָמאַנען־שרייבער אויס־
געראָפען מיט די לעצטע קרעפטען, „וואָרום האָב איך

געלאזט שמעקען די האק אין דעם מאן׳ס פליך? וואר־רום האב איך זי נימ ארויסגענומען גלייך ביי דער 444סטער פארטזעצונג?" און דאס זאגענדיג איז ער געפאלען אין חלשות.

• • •

ווען מאיר יודמאן האט געעפענט די אויגען, איז שוין געווען צוועלף א זייגער ביי טאג און זיין פרוי און די שכנים פון גאנצען טענעמענט־הויז זיינען גע־שטאנען איבער איהם און האבען איהם געפאמ־פעט זויער מילך מיט שווארצע ציקאריע, און איהם גע־שטופט זויערע אוגערקעס אין מויל.

„דו אלטער שקראב!" האט איהם מאדאם יוד־מאן גע׳מוסר׳ט, „אז דו קענסט ניט טרינקען, וואס האסטו זיך אנגע׳שכור׳ט ווי א דבר אחר!"

יעקב יוסף

קריעגס-געפאַנגענע

(אַ מלחמה מעשה'לע)

די דאָזיגע געשיכטע נעהמען מיר ארויס פון די מעמוארען פון א אידיש־רוסישען סאָלדאט, וועלכע וועלען פערעפענטליכט ווערען נאָך דער איצטיגער גרויסער אייראָפּעאישער מלחמה.

* * *

מיר האָבען זיך אונערוואַרטערהייד צוזאמענגעשטויסען מיט'ן שונא — דאָס הייסט, מיר רוסען מיט די פערדאמטע עסטרייכער. איך וויים ניט, ווי אזוי עס האָט פּאסירט, נאָר מיר האָבען גענומען אנטלויפען. און ווידער, צוריק גערעדט, קען איך בעשטימט ניט זאָגען, **ווער** עס איז אנטלאָפען: **מיר** אָדער די **עסטרייכער**.

איך בין, למשל, געלאָפען און האָב ניט געוואוסט, אויב איך לויף פאָראויס אָדער צוריק. פּאָלגליך האָב איך ניט געוואוסט, אויב איך אנטלויף **פאר'ן** שונא אָדער איך לויף איהם **נאָך**. דערצו בין איך נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרען אין חשבון צוליעב דעם, ווייל עסטרייכער זיינען געווען אי **פאר** מיר, אי **הינטער** מיר. הייסט געה דערגעה א טאָלק.

בקיצור, לויף איך.

איך בין אזוי לאַנג געלאָפען, ביז איך בין געבליבען אליין אין פעלד. שטעל איך זיך אָב און וויל

שוין אבגעבען א שבת צום רבונו של עולם, ווען איך דערזעה פלוצלונג אז איינזאמער עסטרייכער. אין אנהויב האט אפילו א שווידער ארומגעכאפט מיין גאנ־צען קערפער, אזוי ווי אבער איך האב באלד בעמערקט, אז יענער ציטערט אויך אימת מות, האב איך זיך אנגענומען מיט מוטה און האב א טראכט געטהאן:

—איך וועל איהם נעהמען אין פלען און איך וועל פאר איהם קריגען א מעדאל.

אבער אין דיעזער מינוט הער איך, ווי מיין עסט־רייכער רופט אויס: האלט! דו ביזט מיין גע־פאנגענער!

זיין חוצפה האט מיך אויפגערעגט.

— איך בין דיין געפאנגענער? — האב איך אויסגעשריען — ניין, ברודערל, דאס געהט ניט!

— וואס? — האט זיך פראנץ יאזעף'ס מענש גענומען היצען — איך בין דאך דיר נאכגעלאפען!

— ביזט א גרויסער שוטה — האב איך געענט־פערט — דאס בין איך אומיסטנע אנטלאפען, כדי דו זאלסט מיר נאכלויפען און איך זאל דיך כאפען.

— דו האסט דאך מיר אבער ניט געכאפט?

— דאס מאכט שוין ניט אויס. קום!

— קום! — שטימט איין מיין שונא — אבער געדענק: איך פיהר ד י ך, ניט דו מ י ך.

— נו, דאס ברודערל, וועלען מיר שוין שפעטער זעהן.

מיר האבען זיך אנגענומען ביי די הענד און האבען זיך געלאזט געהן.

אבגעהענדיג ביי א שטונדע צייט, זיינען מיר ביידע מיעד געווארען און האבען זיך אוועקגעזעצט אברוהען.

—עס וואָלט כדי געווען עפּעס א ביים צו מהאָן — רוף איך זיך אָפּ — אָבער איך האָב מיט זיך גאָר ניט.

— איך האָב יאָ עפּעס און מיר ווע‍לען זיך צו־טהיילען — האָט געזאָגט מיין שונא — איך וויל אָבער פריהער אָבדאַווענען מנחה.

— אַזוי — מאַך איך — עברי אתה ? — ביזט א איד ?

— נאָך א מין ! — מאַכט ער — א גאַליציאַנער. און דו ?

— א שניפּישאָקער.

בקצור, מיר האָבען אָבגעדאַווענט מנחה און האָ־בען גענומען צובייסען.

מיין שונא האָט מיר אָבגעטהיילט א העלפט פון זיין ברויט, ערקלעהרענדיג, אז אַזוי ווי איך בין זיין געפאַנגענער, איז זיין פליכט צו געבען מיר עסען.

— אַי, ביזטו א חכם ! — ענטפער איך בייז־לעה. — אַזוי ווי איך האָב דיך געפאַנגען, איז ניט נאָר דו אַליין בעלאַנגסט צו מיר, נאָר אויך דיין גאַנ־צעס פערמעגען איז מיינס.

אָבגעגעסען, רוף איך זיך אַזוי אָב צו מיין גע־פאַנגענעם :

— איך בין שלעפעריג.

— שלאָף ! — זאָגט ער — דיר איז גוט, דו קענסט שלאָפען. איך אָבער טאָר ניט איינשלאָפען. איך דאַרף בעוואַכען מיין געפאַנגענעם, ער זאָל ניט אַנט־לויפען.

דער עסטרייכער האָט מיר דערמאָנט אָן מיינע פליכטען. ווירקליך : ווי קען איך איינשלאָפען, ווען

איך האב א געפאנגענעם ? וואס טהו איך איהם, אז ער נעהמט און אנטלויפט ?

זיצען מיר אזוי ביידע. ביידע זיינען מיר טויט־שלעפעריג און ביידע האבען מיר מורא איינצושלאפען.

—וואס מאכען עפעס אונזערע ברידער, די אידעלעך, אין פינסטערען רוסלאנד ? — פערציהט מיט מיר מיין שונא א געשפרעך.

— צרות — זאג איך מיט א זיפץ — אייך, עסט־רייכער, איז שוין בעסער. קבצנים זיינט איהר אפילו די זעלבע וואס מיר, מען האט אבער וויינינער פיינד. פערקעהרט, אייער פראנץ יאזעף, זאגט מען, האט אייך ליעב ווי זיין לעבען.

—וואס אמת איז אמת — זאגט ער.

שווייגען מיר ווידער.

— אידען זיינען אומעטום אויף צרות — גיט א זיפץ מיין געפאנגענער.

— שייך צו זאגען אויף צרות — מאך איך.

מיר זיפצען ביידע אב און שווייגען וויעדער.

— ווי רופט מען דיך ? — פרעגט וויעדער מיין שונא.

— חיים — זאג איך — און דיך ?

— משה.

— שלום עליכם, ר' משה !

— שלום עליכם, ר' חיים !

פיהל איך דערוויל, אז דער שלאף און די מיעד־קייט זיינען שטארקער פון מיינע צרות און פון מיינע פליכטען, ציה איך זיך אוים אונטער א בוים און שלאף איין.

אויפגעכאפט האב איך זיך ערשט אין א פאר שטונדען ארום.

— זיצסט נאך אלץ ? — זאג איך צו מיין גע־פאנגענעם.

—נו, וואס דען ? — זאגט ער — איך מוז דאך דיך היטען.

— און איצטער — זאג איך — לעג דו זיך צו און איך וועל דיך היטען.

איך האב געקוקט אויף מיין שלאפענדען געפאנ־גענעם, אויף זיין בלאסען, אויסגעמאטערטען פנים און דאס הארץ איז ביי מיר ממש צוריסען געווארען פאר רחמנות.

— ניין — האב איך בעשלאסען — איך וועל איהם נ י ט נעהמען געפאנגען.

איך האב זיך אויפגעהויבען און האב שוין גע־וואלט אוועקגעהן. איך האב זיך אבער דערמאנט, אז אייגענטליך רעכענט ער דאך מיך פאר זיין געפאנגע־נעם און אויב איך וועל אוועקגעהן, וועט עס דאך ממש הייסען, אז איך האב זיך בענוצט מיט זיין צו־טרויען און בין אנטלאפען.

שטעה איך אזוי און ווייס ניט, וואס צו טהאן.

פלוצלונג איז אנגעקומען א ראטע רוסישע סאל־דאטען.

— וואס טהוסטו דא ? — האט מיך דער אפי־ציער געפרעגט.

—איך היט א געפאנגענעם, וואשע בלאגאראַ־דיע !

— מאלאדיעץ בראט ! — גיט ער מיר א קלאפ אין פלייצע.

— ראד סטאראטסיא ! — שריי איך.

מען האט דעם געפאנגענעם אויפגעוועקט. ער האט באלד פערשטאנען, וואס דא טהוט זיך און

ער האָט אויף מיר א גיפטיגען קוק געטהאָן, אזוי ווי איינער רעדט:

געה, האנדעל מיט א אידען!

איך האָב איהם שטיל בעמערקט:

— כ'לעבען, ר' משה, איך בין נ י ט שול־דיג!

אויפ'ן צווייטען טאָג האָב איך פאר מיין העלדיש־קייט געקראָגען א מעדאל און דער גאנצער פאָלק האָט מיר געלויבט...

דזשאָרדזש אַריאָל

אַ מאַמעס האַרץ

א שעהנער, שלאנקער, גוט־ערצויגענער יונגער־מאן פון א יאהר פינף און צוואנציג, געהט אריין אין זיין פאטערס קאבינעט.

— פאפא! איך דענק צו הייראטען.

— הייראטען?

— יא, פאפא.

— ביזט גאנץ גערעכט, מיין זוהן. ביזט איצט אלט פינף און צוואנציג יאהר און עס איז די ריכטיגע צייט צו הייראטען. האסטו שוין א כלה?

— יא, פאפא — ענטפערט דער יונגערמאן — מיר דוכט זיך, אז איך האָב. איך בין פערליעבט אין מים פעגגען און איך וויל מיט איהר חתונה האָבען.

— מים פעגגען? — פרעגט איבער דער פאַטער — צו מיין גרוים בעדויערען איז דאָס דיר פערבאָטען.

— פערבאָטען?

— יא, מיין קינד.

— ענטשולדיג, פאטער, ווארום איז דאָס מיר פערבאָטען? מים פעגגען שטאמט פון זעהר אן אנשטענדיגע פאמיליע און דו ביזט זעהר בעפריינדעט מיט איהרע עלטערען. זיי בעזוכען אונז און מיר קומען צו זיי צוגאסט. איך האָב געדענקט, אז, אדרבה, דיר וועט דער שידוך זעהר געפעלען.

— פאר קיין פאל אין דער וועלט! — האט דער פאטער בעטאנט — דיעזער שידוך קען ניט דורכגע־פיהרט ווערען!

— ווארום, פאפא?

—ווילסט ניט אנדערש ווי וויסען די אורזאכע?

— געוויס, פאפא.

— נו, וועל איך דיר זאגען. דו טארסט ניט חתונה האבען מיט מים פעננען, ווייל זי איז דיינע א ש ו ו ע ס ט ע ר. פערשטעהסט, מיין קינד?

דער פיין־ערצויגענער יונגערמאן האט איינגע־זעהן די אונמעגליכקייט פון הייראטען א מיידעל, וואס זיין טאטע איז צופעליגערווייזע אויך איהר טאטע און ער האט זיך אוועקגעלאזט זוכען א כלה אין אן אנדער קרייז בעקאנטע.

אין א פינף־זעקס וואכען ארום, איז ער ווידער געקומען צום פאטער און האט איהם מיט גרויס שמחה דערצעהלט, אז ער האט שוין אן אנדער מיידעל, זעהר א שעהנע און א געבילדעטע, וועלכע ער ליעבט מיט'ן גאנצען הארצען, מיט זיין גאנצער נשמה און ער וויל מיט איהר חתונה־האבען.

ווי ער האט אבער נאר ארויסגערעדט דער מיי־דעלס נאמען, האט איהם דער פאטער ווידער ער־קלעהרט, אז ער קען מיט איהר ניט הייראטען, אויס דעם זעלבען גרונד, ווארום ער קען ניט הייראטען מיט מים פעננען:

— דיעזע מיידעל איז דיין שוועסטער!

ווען דער יונגערמאן האט דאס דערהערט, האט ער ביי זיך בעשלאסען, אז דער פאטער וויצעלט זיך איבער איהם און איז מיט זיינע הארץ־אנגעלעגענ־הייטען אוועק צו דער מוטער.

— מאַמע, איך וויל חתונה האָבען! — האָט ער דער מוטער ערקלעהרט.

— ביזט גאַנץ גערעכט, מיין זוהן. עס איז שוין טאַקע צייט פאַר דיר צו ווערען אַ באַלעבעסיל. זאָג מיר אָבער, קינד, האָסטו זיך שוין אויסגעקליבען אַ כלה?

— יאָ, מאַמע — ענטפערט דער יונגערמאַן — און דעריבער וויל איך דאָס טאַקע זיך מיט דיר איצ־טער דורכרעדען. איך בין געוועזן פערליעבט אין מיס פענגען, האָט מיר דער פאַפּאַ ערקלערט, אַז זי איז מיינע אַ שוועסטער.

— האָט עס דיר דער טאַטע אַליין געזאָגט?

— יאָ. און שטעל זיך פאָר, אַז איך האָב זיך איצט אויסגעקליבען אַן אַנדער מיידעל — מיס ראָ־בינזאָן, האָט דער פאַפּאַ מיר ערקלערט, אַז אויך זי איז מיינע אַ שוועסטער.

— עס קען ניט זיין! האָט ער עס דיר ווירקליך אַליין געזאָגט?

— נו, געוויס.

— אויב אַזוי, מיין זוהן, דאַרפסטו זיך אַבסאָ־לוט ניט רעכענען מיט דיין טאַטענס מיינונג. קענסט מיט אַ רוהיגען געוויסען הייראַטען איינע פון דיעזע צוויי מיידלעך. איך גיב דיר מיין עהרען־וואָרט, מיין קינד, אַז דער טאַטע דיינער איז — דיר קיין ט אַ ט ע נ י ט ...

ה. גאָטעספעלד

שוואַרץ אָדער גרוי?

(נאָכ'ן גוי'עשען)

מיין פרוי וויל זיך מאכען א ניי קלייד. לויט זי פערזיכערט מיר, וועט דאָס קאָסטען זעהר ביליג. ווען איך זאָל גלויבען מיין פרוי, האנדעלט זי אימער גאָלע מציאות.

עס איז שוין א צייט פון יאָהרען, אז ביי איהר ליגט א שטיקעל רויטע שטאָף און זי קען זיך אלץ ניט בעשליסען וואָס צו טהאָן מיט איהם, מחמת רויט פאסט איהר ניט. נור געקויפט האָט זי עס, ווייל רויט איז זעהר שעהן און ווייל עס איז געווען א מציאה, און זי האָט געדענקט עס אוועקצוגעבען אימיצען אמאָל, אלס א פרעזענט. אבער אוועקגעשענקט האָט זי עס קיינעם ניט. א פרוי איז ניט משוגע אוועקצושענקען זאכען. זי לאָזט דאָס ליגען מיט אנדערע מציאות ביז די שאפעס ווערען פול, דאַן קויפט מען נייע שאַ־פעס, ביז עס ווערט ענג אין די רומס און מען מוז מופען אין גרעסערע רומס. ווארום מיין פרוי וויל איצט מאכען א געברויך פון איהר רויטען שטיקעל שטאָף, ווייס איך ניט, און וויל ניט פרעגען, ווייל איך ווייס גוט, אז דעם אמת וועט זי מיר סיי־ווי־סיי ניט דערצעהלען.

האָב איך מיר געמאכט א טבע צו הערען, זעהען און שווייגען. זי וויל רויט — לאָז זיין רויט. אבער אזוי ווי רויט פאסט איהר דאָך ניט, האָט איהר ניט

געפּאַסט און וועט איהר ניט פּאַסען. האָט איהר די שניידערקע געראַטהען עס צו פאַרבען אויף גרוי אָדער שוואַרץ.

און מיין פרוי איז בעשעפטיגט מיט אַן ערנסטע פּראָבלעמע: שוואַרץ אָדער גרוי? גרוי אָדער שוואַרץ? מען דאַרף דאָס פאַרבען גרוי. ניין, שוואַרץ! ניין, טאַקי גרוי, אָדער אפשר טאַקע שוואַרץ. גרויע קליידער האָט זי גענוג. האָט זי אָבער פיינט די שוואַרצע פאַרב. גרוי פּאַסט איהר בעסער, גרוי זעהט אויס ליכטיגער, פריינדליכער, פרעהליכער; שוואַרץ האָט אבער אנדערע מעלות: שוואַרץ איז נאָבעלער, פיינער און שעהנער אין אַ געזעלשאַפט.

גרוי האָט אבער אויך מעלות: אין טהעאַטער איז זעהר שעהן צו געהן אין אַ גרוי קלייד און זי האָט דאָך אַ גרויען העט מיט גרויע שטרויס־פעדערען, וואָס וועט זעהר פּאַסען צו אַ גרוי קלייד.

זי האָט אָבער אויך אַ שוואַרצען העט, וואָלט זעהר געפּאַסט צו אַ שוואַרץ קלייד.

שוואַרץ אָדער גרוי? גרוי אָדער שוואַרץ?

אַ מאַן האָט ניט קיין גערולד; ער וואָלט דאָס געמאַכט קורץ: אַהער אָדער אַהין, אָדער שוואַרץ אָדער גרוי און — און אַן עק, אַ סוף.

אַ פרוי האָט אבער אַ ריעזיג גערולד צו אַזעלכע זאַכען. בייטאָג און ביינאַכט, אין קיך און אין שטוב, אין גאַס און אין בעט, וואו מען שטעהט און וואו מען געהט האַנדעלט זיך נור אום איין פראַגע: „גרוי אָדער שוואַרץ?“

אַ וועלט מיט שכנ׳טעס בעלאַגערען מיין שטוב און מען דיסקוטירט. איינע שרייט: „גרוי“, און די אנ־

דערע שרייט: „שוואַרץ!“ און מיר קעהרט זיך די גאַל. עס איז מיר גרוי און שוואַרץ אין די אויגען. איך וואָלט בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, אבי פּטור צו ווערען פון דיעזער שוואַרץ־גרויער פראַגע.

— הערסט? — מאַך איך צו מיין ווייבעל, נאָכ־דעם ווי אלע עצות זיינען שוין געווען ערשעפּט — פאָהר זיך דורך צו דיין שוועסטער אין בראַנזוויל און האַלט זיך מיט איהר אן עצה עטליכע טעג און עט־ליכע נעכט און קום ענדליך צו א בעשלום!

דער פּלאַן איז מיין אידענע געפעלען געוואָרען און זי איז אוועקגעפאָהרען, זיך אָבגעזאַמט דאָרט עט־ליכע וואָכען און געקומען מיט א פאַרטיגען בעשלום: דאָס קלייד וועט געפאַרבט ווערען הימעל־בלוי.

— שעהן! — מאַך איך — הימעל־בלוי איז די שעהנסטע, די נאָבעלסטע, די מהייערסטע פאַרב, און איך בין געווען גליקליך יענעם טאָג: ענדליך האָב איך צוריק מיין געליעבט ווייבעל און די פראַגע: „שוואַרץ אָדער גרוי?“ איז פערענטפערט.

* * *

ביינאַכט, אין מיטען בעסטען שלאָף, איך פיהל מען טאָרעט מיך. איך כאַפּ מיך אויף.

— וואָס איז?

— זיי ניט ברוגז, וואָס איך וועק דיך — בעט מיך מיין ווייבעל — אבער איך קען ניט איינשלאָפען. דענקסטו ניט, אז גרוי וואָלט פאַרט געווען בעסער?

הערמאַן וואַגנער

אַ פּירשטליכע נדבה

אין אַ שעהנעם פרימיטאַג, ווען איהרע קייזער־ליכע האָהייט, די גרויספירשטין, איז געזעסען אין איהר שאַקעל־שטוהל און האָט זיך שטאַרק געלאַנג־ווייליגט (אַלע יונגע קאַוואַליערען זיינען געווען ענט־ווע־ער אין שלאַכט אָדער אין דייטשער געפאַנגענ־שאַפט), האָט זי זיך דערמאַנט, אַז זי איז אַן עכט רוסישע טאָכטער און אַ הייסע פּאַטריאָטקע. ניט לאַנג געטראַכט, האָט זי געהייסען איינשפּאַנען די קאַרעטע און בעפוילען דעם קוטשער, ער זאָל איהר אָפּפיהרען אין אַ האָספּיטאַל פאַר פערוואונדעטע סאָלדאַטען.

— אָרימע, בראַווע מוזשיקעס! — האָט זי אַרויסגעהענדיג פון האָספּיטאַל, אויסגעווישט אַ טרעהר — מען מוז עפּעס פאַר זיי טהאָן! זיי האָבען זיך פערדיענט אַז מען זאָל זיי מיט עפּעס העלפען.

און ווייסענדיג, אַז זי האָט אַ טבע, שנעל צו פערגעסען, איז זי גלייך צוגעפאָהרען צום קריעגס־מיניסטעריום, האָט דאָרט אוועקגענומען איהר מאַן, דעם גרויספירסט, אויף אַ זייט און האָט פון איהם פערלאַנגט, אַז ער זאָל פאַר דעם שפּיטאַל פאַר פער־וואונדעטע סאָלדאַטען שענקען אין איהר נאָמען אַ גרויסע סומע געלד, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויס־פירשט.

דער גרויספירשט האָט געקושט איהר שעהנע האַנד און האָט צערטליך געענטפערט:

— אָבער געווים, מיין ענגעל! דיין וואונש איז פאַר מיר אַ בעפעהל. איך וועל שענקען אַ גרויסע נדבה.

און דער גרויספירשט איז גלייך אוועקגעפאָהרען אין פינאַנץ־מיניסטעריום און האָט זיך געהייסען גע־בען אַ מיליאָן רובעל, „פאַר אַ העכסט וויכטיגען און ערעלען צוועק", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

* *

די אורזאַכע, פאַר וואָס דער גרויספירשט האָט אַזוי אָהן יעדע שוועריגקייט ערפילט דעם וואונש פון זיין פרוי, איז געווען אַ פּשוטע: די גרויספירשטין איז געווען אַ וואונדערשעהנע פרוי און דער גרויספירשט האָט זי שטערבליך ליעב געהאט (כמעט אַזוי ליעב ווי די אנושקא פון קייזערליכען באַלעט).

אהיימקומענדיג, אַלזאָ, פון פינאַנץ מיניסטער־יום, האָט דער גרויספירשט גלייך אריינגערופען זיין אַדיוטאַנט סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש און האָט איהם דערלאַנגט אַ גרויסען פּאַק אַסיגנאַציעס.

— צעהלט איבער! האָט ער איהם בעפוילען.

סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש האָט זיך געזעצט צעה־לען.

— זיעבען הונדערט טויזענד רובעל! — האָט ער אַ פערמאַטערטער אויסגערופען און האָט אָבגע־צויגען דעם אָטעם.

— הם! — האָט דער גרויספירשט אַ בורטשע געטהאָן. — סוואָלאָטשעס, האָבען קיין גאָט אין האַר־צען. גאַנצע דריי הונדערט טויזענד רובעל מיט איין מאָל אראָבגענעהמען, דאָס איז אַ סקאַנדאַל!

— סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש — האָט דער גרויס־

פירשט זיך געווענדעט צו זיין סעקרעטער, — האָסטו נאָר ריכטיג געצעהלט?

— זיכער, אייער דורכלויכט! — האָט סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש, רויט ווערענדיג ווי א ראַק, געענט־פערט — פונקט זיעבען הונדערט טויזענד רובעל!

— נו, זאָל זיין אַזוי! — האָט דער גרויספירשט געענטפערט און ער האָט זיך פערטראַכט. איהם איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסען וויפיעל מען האָט אין פינאַנץ־מיניסטעריום אראָבגענומען און וויפיעל סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש האָט געקענט אראָבנעהמעןביים צעהלען. נאָר אומזיסט דאָס טראַכטען. אזעל־כע זאַכען געפינט מען ניט אויס. ער האָט בעסער אַ טראַכט געטהאָן וויפיעל ער זאָל אליין אראָבנעהמען און ער האָט עס אויך גיך בעשלאָסען.

— גריגאָרי פעטראָוויטש — האָט דער גרויס־פירשט אַ רוף געגעבען זיין פריוואַט סעקרעטער — נעהם דאָס פעקעל געלד און טראָג עס אַוועק אין האָספיטאַל פאַר פערוואונדעטע סאָלדאַטען. צעהל עס אָבער פריהער איבער.

— 25 טויזענד רובעל! — האָט גריגאָרי פעט־ראָוויטש אויסגערופען מיט בעוואונדערונג, ווען ער האָט געענדיגט צעהלען, און האָט זיך טיעף פער־נייגט.

— שטימט! — האָט דער גרויספירשט מיט צופרידענהייט געענטפערט—נעהם, אַלזאָ, דאָס געלד, טראָג עס אַוועק און זאָג, אַז מיין פרוי שיקט עס אַ מתנה פאַר די בראַווע פערטיידיגער פון אונזער היי־ליגער רוסישער ערד. נעהם און געה!

און גריגאָרי פעטראָוויטש האָט גענומען.

* * *

יאָ, גריגאָרי פעטראָוויטש האָט גענומען, ווייל נעהמען איז געווען דער שטאַרקסטער צוג אין זיין כאַראַקטער.

אָבער מיר ווילען זיין גערעכט: ער האָט גענו־מען בלויז 15 טויזענד רובעל און זיי בעהאַלטען אין זיין קאַסע קאַסטען. מיט די איבעריגע צעהן טוי־זענד רובעל האָט ער זיך גלייך אריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל און איז אוועקגעפאָהרען צום דירעק־טאָר פון די פעטראָגראַדער האָספּיטעלער. און פאָה־רענדיג איבער׳ן נעווסקי פּראָספּעקט, איז ביי זיך גריגאָרי פעטראָוויטש פאָרגעקומען אַלס דער גרעס־טער פּאַטריאָט, און דער עהרליכסטער בעאַמטער, וואָס רוסלאַנד פערמאָגט.

ווען דער דירעקטאָר פון די האָספּיטעלער האָט איבערגעצעהלט די צעהן טויזענד רובעל, וואָס גריגאָ־רי פעטראָוויטש האָט איהם מיט אַ שטאָלצער מינע דערלאַנגט, האָבען איהם אַזש אַ זעץ געטהאָן טרע־רען אין די אויגען.

— מיין הארציגסטען, אונטערטעניגסטען דאַנק פאַר איהר קייזערליכער האָהייט, דער גרויספירש־טען! — האָט ער פול דאַנקבאַרקייט אויסגערופען און זיך אַזש צוכליפּעט פון ריהרונג — אונזערע בראַ־ווע, טאַפּפערע מוזשיקעס וועלען איהר דאָס קיינמאָל, קיינמאָל ניט פערגעסען!

און דריקענדיג הארציג גריגאָרי פעטראָוויטשעס האַנד, איז דער דירעקטאָר אריינגעגאַנגען אין זיין קאַבינעט, האָט זיך אויסגעשנייצט, אָפּגעווישט די פערוויינטע אויגען און די צעהן טויזענד רובעל פאַר־זיכטיג פערשלאָסען אין זיין שרייב טיש.

* * *

אבער ווער עס דענקט, אז די צעהן טויזענד זיינען אין דעם דערמאַנטען שרייב טיש שוין אויף אייביג פערשוואונדען געוואָרען, דער איז זיך שטארק טועה אין דער עהרליכקייט און בעאַמטען־טרייקייט פון אונזער דירעקטאָר.

געוויס, דער דאָזיגער גוט־ערצויגענער מאַן מיט דער לאַנגער שווארצער באָרד און די גאָלדענע ברי־לען אויף דער נאָז, וואָלט אין אן אנדערער צייט ניט פערזאמט אפילו קיין סעקונדע, צו בעטראַכטען די צעהן טויזענד רובעל, אלס א מתנה פון גאָט און וואָלט זיי גלייך אוועקגעשיקט צו זיין געליעבטער נאַטאַשע פון קאַבאַרעט.

אָבער אוועק׳גנב׳ענען געלד וואָס איז בעשטימט פאַר אָרימע, בראַווע, פערוואונדעטע פאַטערלאַנדס־פערטיידיגער? ניין! דאָס טהוט ער ניט! דארויף איז ער, דער דירעקטאָר, א צו הייסער פאַטריאָט און עהרליכער בעאַמטער!

און דער דירעקטאָר איז גלייך צו צום טעלע־פאָן און האָט צו זיך אהיימגערופען דעם פערוואַלטער פון א מיליטערישער האָספּיטאָל.

— צעהלט! — האָט דער דירעקטאָר א בעפעהל געטהאָן, דערלאַנגענדיג דעם פערוואַלטער א זשמעני סיגנאַציעס.

— 15 הונדערט רובעל — האָט דער פערוואַלטער איבערגעצעהלט.

דער דירעקטאָר האָט זיך אויסגעצויגען ווי לאַנג ער איז: דיעזע געלד, מיין פריינד, איז דאָס געשאַנק פון א גרויספירשטען! נעהמט און צוטיילט עס צווי־שען די פערוואונדעטע מוזשיקעס פון אייער שפּיטאָל. זייט עהרליך! צוטיילט עס גלייך אויף גלייך!

דערהערענדיג די נייעס, איז דער פערוואלטער שיער ניט אנידערגעפאלען א טויטער פאר גרויס דאנקבארקייט. ער האט מיט א ציטערדיגע האנד גענומען די 15 הונדערט רובעל, און קושענדיג דעם דירעקטארס שפיץ פינגער האט ער געשטאמעלט:

— א דאנק, א דאנק, אייער עקסעלענץ.

דער דירעקטאר האט פארנעהם־פילאנטראפיש געשמייכעלט, האט זיך א גלעט געטהאן איבער זיין פראכטפאלער שווארצער בארד און האט דעם פערוואלטער א וואונק געטהאן, אז ער קען שוין געהן.

געבליבען אליין, האט זיך דער דירעקטאר מיט גרויס צופרידענהייט אויסגעקנאקט די ביינער, א קלאפ געטהאן זיך אויף זיין ברייטער ברוסט און זיך אוועקגעשטעלט פאר'ן שפיגעל, צו בעוואונדערן דעם העלדישען מאן, וואס האט געקאנט בייקומען אזא ריעזיגען נסיון.

דער פערוואלטער, זעהט איהר, איז שוין ניט אזא העלד. איהם איז שוין אנגעקומען פיעל שווערער צו בעזיעגען דעם יצר הרע. א לאנגע צייט האט זיין אינערליכער קאמפף ניט געקענט קומען צו קיין ענטשיידונג.

— וויפיעל גנב'עט מען אראפ? — האט ער זיך געשלאגען מיט דער דעה.

— דומקאפ, גנב'ע אלע 15 הונדערטער! — האט דער רוסישער בעאמטער אין זיין ברוסט איהם געוואלט איבעררעדען.

— ניין — האט איהם זיין פאטריאטיש געוויסען גערעטען — לאז עפעס איבער פאר די פערוואונדעטע סאלדאטען!

און מיר טאָרען עס ניט פערשווייגען, דאָס פאַט־ריאָטישע געוויסען האָט דאַסמאָל געוואונען א גלענ־צענדען זיעג.

אזוי ווי, נעמליך, אין זיין שפיטאָל האָבען זיך געפונען פונקט 500 פערוואונדעטע סאָלדאטען, האָט דער פערוואלטער גענומען 50 רובעל און זיי עהרליך צוטיילט צווישען די פערוואונדעטע; פאַר יעדען סאָל־דאט צעהן קאָפּיקעס.

עס פערשטעהט זיך, אז ביי דער דאָזיגער געלע־גענהייט האָט דער פערוואלטער געהאלטען א הייסע פאטריאָטישע רעדע.

— זעהט, טאפּפערע ברידער! — האָט ער בע־גייסטערט אויסגערופען — מאטיושקא ראסיא פער־לאָזט ניט איהרע מוטיגע, איבערגעבענע קינדער!

כאַפּט איהם

אין א פרויען רעפּובּליק

(עס איז אַכט אַ זייגער אין דער פריה. מיסטער ווייסבערג האָט נור וואָס ארויסגעפּראַוואַדיעט זיין ווייב צו דער ארבּייט און איז בּיזי מיט ארויס'פּטר'ן די קינדער אין סקוהל).

מיסטער ווייסבערג (אָנטהאָנדיג די הויזקעס זיין בּיין־יאָהריגע מיידעלע און געפּינט אין איהרע קעשענעס אַ פּעקעלע סיגארעטס): דו רויכערסט שוין ווייטער, הא? האָסט שוין פערגעסען די פּעטש, וואס דו האָסט נעכטען געכאַפּט פון דער מאַמען? הא, וואָס? ס'איז דער מאַמעס סיגארעטס? נא דיר, נא! (רייסט איהר אויס אַ שטיק פלייש פון וואייכסטען טהייל פון קערפּער. אימיצער קלאַפּט אין טהיר). „קאם־אין!"

אין טהיר בּעוויזט זיך מיסטער שווארצבּערג, דער „נעקסדאָריגער", מיט אַ פערשטויבּטע הייבּעלע אויפ'ן קאָפּ און א בּעזים אין האנד.

מיסטער שווארצבּערג: גוד מאָרנינג, מיסטער ווייסבּערג. וואָס טוהט עפּעס דאָס פּיצעלע?

מיסטער ווייסבּערג: אוי, פרעגט בּעסער גארניט! אַ גאַנצע נאַכט זיך געריסען אויפ'ן בּייכעלע. מיין אידענע איז געוואָרען אזוי אויפגערעגט, אז ווען איך נעהם עס ניט צו, וואָלט זי עס דערשטיקט!

מיסטער שווארצבּערג: וואָס מיינט איהר, מען קען זיי פערדענקען, אונזערע ווייי־

בער ? זיי האָרעווען זיך נעבעך אַן דעם גאַנצען טאָג און אַז עס קומט די נאַכט און מען לאָזט זיך זיי ניט אויסרוהען, זענען זיי טאַקע אין כעס ! אַ קליינינקייט שלעפּען פּיאַנאָס אויפ'ן זעקסטען פלאָר און די סייפס אין די אָפיסעס ! אין אַ גוטע שעה רעדען, אין אַ בייזע שעה שווייגען ! איך האָב מורא, אַז מיינע זאָל זיך נאָך חלילה ניט אונטעררייסען !

מיסטער ווייסבערג (מיט אַ פער־בעהאַלטענעם שמייכעלע) : נו, ניט אַלע ווייבער זענען דאָך עקספּרעס־פּרויען. אַט מיינע האָט דוקא אַ גרינגע טרייד. (צו די קינדער) געהט שוין, געהט, ממזרים, איהר'ט פערשפּעטיגען סקוהל !

מיסטער שוואַרצבערג (שטעכט צו־ריק) : וואָר־זשע, לייגען פּאַרקאַוועס אויף די ניו יאָר־קער נאַראָוויסטע פערד איז לייכטער ? כ'לעבען, ס'־איז אויך ניט קיין מאכל !

מיסטער ווייסבערג : קומט אריין, מיסטער שוואַרצבערג, זעצט זיך צו. עס נעהמט ניט לענגער !

מיסטער שוואַרצבערג (ניט אָפּ־לאָזענדיג די קליאַמקע) : ניין, איך אייל זיך. די מילך איז אויפ'ן פייער און די בייבי איז אויפ'ן פייער־עסקייפּ. איך מוז שוין לויפען . . . יאָ, וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען ? יעס. ווען אימיצער זאָגט מיר פאַר דער חתונה, אַז מיינע וועט ניט ארייננעה־מען קיין דיענסט־בחור אין הויז און איך וועל אליין דאַרפען אזוי פּראַצעווען, וואָלט איך איהר אויסגע־ריסען די אויגען ! וואָס ווייסט איהר, מיסטער וויס־בערג, ווי מיינע איז געווען די כפרה פאַר מיר ! מאָהלט אייך, זי האָט גענוג געקרענקט, איידער זי

האָט מיך געקראַנגען! די פיינסטע שידוכים האָט מען מיר גערעדט: איינע איז געווען אַ פּאַלים־פרוי, אַ צווייטע האָט געהאַט אַן אייגענעם סאַלון, אַ דריטע איז געווען אַ שוחט מוהל ומסדר־קידושנ׳טע.

מיסטער ווייסבערג (גלעטענדיג די באָרד): וואָס מיינט איהר? עס איז מיר טאַקע אַ חידוש, וואָס איהר האָט חתונה געהאַט פאַר אַן עקס־פרעס־פרוי!

מיסטער שוואַרצבערג: אַ, וואָס פרעגט איהר? ווי זאָגט מיין מאַמע: דער שעהנ־סטער עפּעל פאַלט אריין אין מויל פון אַ חזיר! איהר ווייסט דאָך, מיין מאַמע האָט געהאַט זיבען אַלטע בחורים אויף איהר קאָפּ, וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן, פערזיצען ביז׳ן גראָהען באָרד אריין? . . .

מיסטער ווייסבערג: איהר קענט זיך דאָך צוזעצען פאַר׳ן זעלבען געלד!

מיסטער שוואַרצבערג: כ׳לעבען איך מוז לויפען. די בייבי איז ביי מיר אויפ׳ן פייער־עסקייפּ און די מילך איז אויפ׳ן פייער... יאָ. און... און דאָן מוזט איהר וויסען, אַז איך בין געווען זעהר אַן אַנשטענדיגער בחור. שטענדיג אונטער׳ן טאַטענ׳ס פאַרטוך. אַז אַ מויד פלעגט מיר געבען אַ גלעט, פלעג איך ווערען רויט און אָנהויבען שרייען: „טאַטע!“. ווען מיין איצטיגע אידענע האָט מיך דערזעהען האָט זי זיך אין מיר גלייך איינגעליעבט. אויף די קניה איז זי געלעגען פאַר מיר. אַלע נאַכט פלעגט זי מיר ברענגען אַ באָקס קענדי און אויסנעהמען אין מואוווינג־פּיקטשורס. קומענדיג אהיים, פלעגט זי מיר אָפּ־האַלטען אין האָל, ביז די מילך־פרוי איז געקומען. ווען מיין מאַמע האָט דערזעהן, אַז עס האַלט שוין

שלעכט, האָט זי זיך מישב געווען: א האָרעפּאשנע מויד איז זי, קיין בראָנפען טרינקט זי ניט, קיין קאָר־טען שפּיעלט זי ניט, רויכערען רויכערט זי נור א ליולקע, האָט זי מיך פאר איהר פערשלייערט און —

— — — — — — — — — — — — — — —

(פון גאס טראָגען זיך ארויף שרעקליכע קולות. עס הערט זיך דאָס קלינגען פון אן אַמבולאַנס. ביידע מענער לויפען צו דעם פענסטער און קוקען ארונטער).

מיסטער שווארצבערג: אוי, א וועהטאָג דעם טאטען! מיין בייבי! און לויפט ארויס מיט א גרילצענדען קוויטש.

אברהם רייזען

די „ברעד-ליין״

עס שטעהט אין דעם נידריגען טייל פון בראָדוויי,
פון ניו יאָרק׳ס עשירות און „ביזנעס״ דאָס האַרץ,
אין פינסטערער נאַכט און אין פינסטערער שטונד —
א רייהע געשטאַלטען מיט פּנים׳ער שוואַרץ...

ביי׳ן טאָג האָט געראַשט דאָ, געקלונגען דאָס גאָלד;
מיט שטאָלץ האָט געדונערט, רעגיערט דאָ די מאַכט.
און איצט האָט פערנומען דעם פּלאַץ דאָ די נויט—
א דריקענדע שטומע, מיט ליפּען פערשמאַכט...

עס שטעהט דאָ די „ברעד-ליין״, די רייהע איז לאַנג
און קומט פון מינוט צו מינוט אַלץ מעהר צו...
דאָס זיינען די אָפּפער פון טאָגיגער רויב,
וואָס האָבען קיין ווינקעל און האָבען קיין רוה...

דער איינציגער פּלאַץ, וואו זייער האָפענונג ליעגט,
איז דאָ אין דעם ווינקעל פון רייכען בראָדוויי.
דאָ ווערט זיי צוטיילט פון די זאַטע, וואָס בלייבט,
צו שטיקעליך ברויט און צו טעפּעליך טיי...

זיי שטעהען אין זייערע שמאַטעס געהילט
און קוקען מיט אויגען פערגליווערט און שטאַר;
עס איז דאָרט פערלאָשען דאָס בושה-געפיהל,
דאָרט שימערט א טעמפּער, פערגלעזערטער צער...

נאָר אָפט בליצט די קנאה ביי איינעם אין אויג,
דאָס איז ער מקנא דעם ערשטען אין „ליין״ —
אך, ער איז דער לעצטער, אַ שטילער, נישט לאַכט!
עס קען צווישען „לעצטע״ א לעצטער אויך זיין!..

יעקב מאַרינאָוו

אַ קאָנטרי ראָמאַן

(גראָטעסק)

אין א הייסען זומער טאָג איז דאָס געווען. דעם גאנצען טאָג האָב איך ארומגעבלאָנקעט איבער די אָנגעגליהטע טראָטוארען פון ניו־יאָרקער גאסען און געזוכט ארבייט און האָב ניט געפונען.

קומענדיג א היים, טרעף איך אויף מיין טישעל צוויי בריעף. איין בריעף איז געווען פון מיין מי־סיס, אין וועלכען זי זאָגט מיר אָן די בשורה, אז זי האָט מיין צימער פערדונגען צו א יונגענמאַן, וואָס קען י א צאָהלען רענט און איך זאָל אזוי גוט זיין און מאָרגען גאנץ פריה ארויסציהען, און דער צווייטער בריעף איז געווען פון מיינעם א פריינד אין די קאָנטרי און האָט זיך אזוי געלעזען:

„מיין ליעבער דזשעק! איך געפין זיך איצט ווי דו ווייסט אין שפּיצ־באַרגווילל, קעטסקילס. און וואָס זאָל איך דיר זאָגען, גוטער ברודער, דער גן־עדן איז א גיהנום אין פערגלייך מיט דיעזען פּלאַץ. גרינע בוימער, בליהענדע פעלדער, קלאָרע טייכלעך, שעהנע ביידלעך און א געדיכטער וואלד, וואו מיט די מיידלעך צו „פערבלאָנדזשען". דערצו האָבען מיר נאָך דאָ עפּעס א זעהר רייכען ספּאָרט. געלד איז ביי איהם בלאָטע. אלע אבענד נעהמט ער אוים די גאנצע באפּטע באָרדערס, מיט באָרדערקעס און ער בעוואַרפט זיי

אזוי צו זאָגען, מיט גאָלדשטיקלעך און אנדערע גוטע זאכען.

„בעזונדערס איז ער צוגעלאָזען צום שעהנעם געשלעכט. פאר א שעהן מיידעל און נאָך א בלאָנדע דערצו, איז ער גרייט צו פערשווענדען א פערמעגען.

„אלזאָ, ליעבער פריינד, אזוי ווי דו ביזט א מיטגליעד פון א דראמאַטישען פעראיין, אפשר קענס־טו, שפּיעלען א דאַמען ראָלע ? אויב דו קענסט, קום שוין !... איך וועל דיר פאָרשטעלען פאר'ן ספּאָרט און עס וועט דיר זיין גוט ווי די וועלט !

דיין חבר מ אַ ק ס".

איבערלעזענדיג דעם בריעף, בין איך אריינגע־פאָהרען מיט אלע צעהן פינגער אין מיינע האָהר און איך האָב זיך פערטראַכט. איך האָב אזוי לאנג גע־טראַכט, ביז איך האָב זיך דערטראַכט אז ס'איז נישטאָ וואָס צו טראַכטען. איך האָב גלייך געשריבען מיין חבר פאָלגענדען בריעף :

„טהייערער בערנאַרד !

האָסט א גע'ממזר'טען קאָפּ אויף זיך, זיי ווי־סען, אז איך היים שוין ניט מעהר דזשעק נור דזשעני ראָזענהערץ; דו ביזט מיר ניט קיין חבר, נאָר א „פעט־טער". „ציה דאָרטען אָן דעם ספּאָרט, אבער אזוי ריכטיג, דו הערסט, דו ?..

דיין חבר ד ז ש ע ק.
(עקסיוז מי : דיין פּלימעניצע דזשעני).

אלס יונג בחור'על, מיט בלויע אויגען, בלאָנדע האָר, א צארט געזיכט, איידעלע הענטלעך, א ווייכע שטימע, מיט א שטיקעל דראמאטישען טאלאנט, און מיט מיין שוועסטער'ס גארדעראָבע, בין איך אין איין

שטונדע צייט געוואָרען פון א דזשעק א דזשעני מיט אַלע קלאַפּערגעצייג. ווען איך האָב זיך אַנגעקוקט אין שפּיגעל, ארויפלעגענדיג דאָס לעצטע ביסעל שמינק אויף מיינע ליפּען און אריינלייגענדיג וואַטע דאָרטען וואו מען דאַרף, וואָלט איך אַליין געשוואָרען, אז איך בין גאָר קיין מאָל קיין דזשעק ניט געווען.

אַלס מיידעל האָב איך אויסגעקוקט אזוי רייצענד, אז איך האָב ניט געקענט ביישטעהן דעם יצר הרע און האָב זיך אַליין ארומגעכאַפּט קושען.

* * *

ווען איך בין געקומען אין דער קאַנטרי, האָב איך שוין אויפ'ן דיפּאָ געטראָפען מיין חבר מיט א רייךפערפוצטען זשענטעלמאַן, ווארטענדיג אויף מיר אין אַן אויטאָמאָביל.

מיין „אַנקעל" האָט מיר מיט גרויס שטאָלצקייט פאָרגעשטעלט:

— מיסטער גאָלדענקראַנץ, דאָס איז מיין פּלימעניצע, מיסס דזשעני ראָזענהאַרץ!

איך האָב שעהמעוודיג ארונטערגעלאָזט די אויגען, ווען מר. גאָלדענקראַנץ האָט מיך ליידענשאַפטליך אַנגעכאַפּט פאר'ן האַנד, און אויסגערופען: עס פרעהט מיך זעהר אייך צו קענען! איך האָף, אז מיר וועלען זיין פריינד!

— מיין אַנקעל'ס פריינד זיינען מיינע פריינד! — האָב איך געענטפערט גאַנץ נאַאיוו, ניט אויפהויבענדיג מיינע בליקען.

מיין חבר, ניט זייענדיג קיין אקטיאָר, האָט אפנים מורא געהאַט, ער זאָל ניט דורכפאַלען אין זיין ראָלע אַלס „אַנקעל", האָט באַלד אויסגעזוכט עפּעס א

תירוץ און האָט געבעטען מיסטער גאָלדענקראַנץ, אז ער זאָל איהם ענטשולדיגען און מיך אליין אָבפיהרען אין האָטעל.

מיסטער גאָלדענקראַנץ האָט אפילו כלומרשט פּראָטעסטירט, אָבער זיינע אויגעלעך זיינען אזש אי־בערגעלאָפען געוואָרען פון גרויס צופריעדענהייט...

איך האָב זיך אפילו געקוויינקעלט, וואָס דער „אָנקעל" לאָזט מיך איבער מיט אַן אונבעקאַנטען מאַנספּערשוין, אָבער נאָך דעם ווי מיסטער גאָלדענ־קראַנץ האָט מיר האלב וויציג פערזיכערט, אז ער עסט ניט קיין מיידלעך, נור אדרבא, האָב איך זיך בערוהיגט.

פון דעם מאָמענט, וואָס איך האָב אריינגעשטייגט אין אויטאָמאָביל, האָבען זיך גלייך אָנגעפאַנגען מיינע פערגעניגענס און מיינע צרות. קוים האָט זיך דער אויטאָמאָביל פערלאָרען צווישען די ערשטע בוימער, בין איך שוין געווען געצוואונגען אויסצורופען:

— פּליעז, פּליעז, מיסטער גאָלדענקראַנץ, נור אָהן הענד! כ'האָב פיינט הענד!...

ווען מיר זיינען אריינגעפאָהרען אביסעל טיעפער אין וואלד אריין, האָט מיסטער גאָלדענקראַנץ גאָר אָהן צערעמאָניעס מיר אָבגעדריקט א ליידענשאַפטלי־כען קוש..

— מיסטער גאָלדענקראַנץ! — בין איך געוואָרען אין כעס און איהם אראָפּגעלאָזען א פּליק, גאָר ניט מעשה מיידעל — ווער דענקט איהר בין איך עפּעס?... לאָזט מיך גלייך ארונטער פון אויטאָמאָביל; איך האָב מורא פאר אייך... איהר זיינט ניט קיין דזשענטעל־מען!... און איך האָב זיך צוואויינט...

מיסטער גאָלדענקראַנץ האָט זיך באַלד פאַר מיר ענטשולדיגט מיט די צערטליכסטע ווערטער.

— גלויבט מיר, ליעבע פריילײן, איך האָב, חלילה, גאַר ניט געמיינט! אויף מיין עהרען־וואָרט! — האָט ער זיך געשוואָרען, האַלטענדיג זיך פאַר'ן באַק, אויף וועלכער עס האָט זיך גערויטעלט דער אָבדרוק פון מיינע פינף פינגער — איך פערזיכער אייך, אַז איך וועל אייך מעהר ניט אַנריהרען! פּליעז, מיסס ראָזענ־הערץ, זייט ניט קיין קינד און הערט אויף וויינען, איהר צורייסט מיר דאָס האַרץ!..

איך האָב ניט געענטפערט. איך האָב איינגעגראָ־בען מיין געזיכט אין מיין שוועסטער'ס נאָז־טיכעל און האָב געכליפּעט...

ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אַזוי געשוואָ־רען, אַז מען האָט געקענט גלויבען אפילו אַן אַלטען ספּאָרט, אַז ער וועט מיך מעהר ניט אַנריהרען, האָב איך זיך אַביסעל בערוהיגט, אָבער ברוגז בין איך נאָך אַלץ געווען.

* * *

מיינע צרות האָבען זיך געענדיגט און מיינע פערגעניגענס האָבען זיך אָנגעפאַנגען: מיסטער גאָל־דענקראַנץ האָט מיך פון דאַן אָן בעהאַנדעלט מיט דער איידעלסטער ליעבע און זיסטער צערטליכקייט, אָבער דאָס איז שוין ניט געווען די ליעבע פון אַ צובאַ־לעוועטען הולטיי, נאָר די ליעבע פון אַ צערטליכען געליעבטען.

ער האָט מיך גענומען אונטער זיין שוץ, האָט „געגען מיין ווילען" בעצאָהלט פאַר מיר אין האָטעל.

ניט אכטענדיג אויף מיינע „פּראָטעסטען", האָט ער מיר געקויפט פּרעזענטען. עס איז גאָר ניט געווען איין זאַך, וואָס מיסטער גאָלדענקראַנץ וואָלט פאַר מיר ניט געטהון. ער האָט מיך פּשוט פון אויג ניט אַבגעלאָזט. זיין הייסע ליעבע צו מיר איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג, פון נאַכט צו נאַכט.

איינמאָל, נאָך א דריי־שטונדיגען שטעהן פאַר מיר אויף די קניה, האָב איך שוין מעהר זיין צער ניט געקענט צוזעהן און האָב איהם ענדליך געלאָזט וויסען, אז ער האָט געוואונען מיין הארץ...

מיסטער גאָלדענקראַנץ איז פון גרויס גליק מיר געפאַלען אויפ'ן האלז און האָט זיך צוואויינט ווי א קינד.

— מאָרגען, מיין טהייערינקע, — האָט ער אויס־געררופען, — מאָרגען וועלען מיר שטעלען חופּה !

ער האָט געוויינט און איך האָב אויך געוויינט. איך האָב דערפיהלט, אז מיינע פערגעניגען־טעג זייי־נען געענדיגט און אונטער מיינע פיס האָב איך ווידער דערשפּירט די אַנגעגליהטע טראָטוארען פון ניו־יאָר־קער גאַסען... אין מיין מאַרך האָבען אַנגעהויבען ברי־העו די טהייערע זונען־שטראהלען פון א ניו־יאָרקער תמוז־טאָג...

* * *

אויף מאָרגען, ווען מיין „געליעבטער" איז אוועק־געפאָהרען אין א דערבייאיגע שטעדטעל איינצוקויי־פען „סורפּרייזעס" פאַר מיר און פאַר איין גאַנג אויך מיטברענגען א קדושין־רינגעל, בין איך מיט א צור־בראָכען הארץ אריין אין זיין צימער, האָב ארונטער־

געוואָרפען פון זיך „דזשעני׳ן“, האָב זיך אריינגעוואָר־ פען אין מיין „חתן׳ס“ אנצוג, אין די קעשענעס האָב איך אַנגעלעגט אלעס, וואָס עס קען צוניץ קומען אן אר־ בייטסלאָזען בחור׳ל. דאן האָב איך „דזשעני׳ן“ איינ־ געפּאקט אין א נעטען פּעקעלע, אין וועלכען איך האָב אויך אריינגעלעגט פאָלגענדען בריוועלע:

„מיין ליעבער מיסטער גאָלדענקראַנץ: — איך ווייס, אז אלעס וואָס איהר האָט אין מיר געזוכט, איז געווען בלויז דאָס ו ו י י ב ל י כ ע. אין דיעזען פּעקעלע וועט איהר געפינען דאָס גאנצע ביסעל ווייב־ ליכקייט, וואָס איך האָב פערמאָגט, מ׳שטיינס געזאָגט. אייער שווארצען סוט דארפט איהר ניט זוכען; איך געה אין איהם. דעם זייגער אויך ניט; איך האָב איהם מיטגענומען אום ניט צו פערשפּעטיגען דעם צוג.

אייער ד ז ש ע ק (געוועזענע דזשעני).

אין גן־עדן

(א ביבלישער פארס)

פון מארק שווייד

די ביהנע שטעלט פאר א ווינקעל אין גן־עדן, וואו יעדער איינער פון אונז וואלט זיך געוואונשען צו וואוינען. אויף א בארג מיט עפעל שלאפט אדם מיט דער פלייצע צו דער היינטיגער וועלט. נישט ווייט פון איהם אויף דער ערד זיצט חוה און האלט אין איין בעקוקען דאס פובליקום. דערביי קייט זי אן עפעל די גרויס פון א וואטער־מעלאן. פון ערגיץ קומט אן די שלאנג. זי געהט אויפ׳ן בלויזען עק און איז זעהר שטאלץ וואס זי טראגט דעם בויך פון פארענט. זי זעהט אויס ווי א לאנגער שטעקען פון גרין גלאז אדער ווי אן אבגעשונדען פאלמען־ביימעלע מיט צוויי איבערגעבליבענע בלעטלעך פון אויבען אויפ׳ן סאמע שפיץ. דער קאסטיומער האט ביי דעם שטיק גארנישט וואס צו טהון, ער מעג זיך אוועקזעצען אין טעאטער שעלטען דעם שרייבער און מאכען אייגלעך צו חוה׳ן.

די שלאנג (מיט א שמייכעל, וואס איז גארנישט מעגליך נאכצומאכען): אלזא חוה׳לע!...

חוה (מאכט בלומר׳שט ווי זי וואלט זיך דער־שראקען): אוי, איהר זענט שוין ווידער דא... איך האב דאך אייך געזאגט, אז די עפעל שמעקען מיר דערוויילי גאנץ פיין... וואס זאל איך מיך געהן דראפען אויף נייע בוימער?...

די שלאנג (אליץ מיט דעם זעלבען שמייכעל):

יא... אָבער... עפּעל צו עפּעל זיינען נישט גלייך... און גלאַט, די עפּעל זיינען נישט אַלץ... די הויפּט־זאַך קומט שפּעטער.

חוה: צו וואָס זאָלט איהר מיך ווערן איבעררע־דען? איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט אַז אָהן מיין מאַן וועל איך קיין זאַך נישט טהון. איך מוז דאָ זיצען ביי איהם ביז די ריפּ וועט זיך איהם פערהיילען און ער וועט אויפשטעהן פון שלאָף.

די שלאַנג: אַ שעהנע מלאכה פאַר אייך, חוה'לע —זיצען און היטען אַ קראַנקען מאַן... נישטאָ וואָס צו רעדען... ששששיפּ־שיפּ...

חוה: נו, טאַקע... אָבער וואָס קען מען זיך העל־פען... גאָט איז דאָ נישט לאַנג געווען ביי מיר, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אזוי גיך ווי די ריפּ וועט זיך איהם פערהיילען וועט ער אַליין אויפשטעהן, און מיך גלייך אָנהויבען צו ליעבען...

די שלאַנג (לאַכט גיפטיג): שי שי שי! שי שי שי!... זאָל אייך גאָט העלפען... און איך וועל אייך אריינשיפּען אַ סוד אין אויער, אַז גאָט געפעלט מיר נישט... ער דרעהט זיך דאָ צופיעל ארום ביי אונז אין גאָרטען... צוויי מאָל אין טאָג קומט ער אהער מיט אַ גאַנצער חאַליאַסטרע מלאכימ'לעך בעקוקען צי אַלץ איז אין אָרדנונג.

חוה (נאַאיוו): פארוואָס נישט? ס'איז דאָך זיין גאָרטען!

די שלאַנג (מאָדערן ענטוישט): אָט האָסטו דיר —זיין גאָרטען!... פאַרוואָס זאָל עס נישט זיין מיין גאָרטען... אייער גאָרטען...

חוה: איך ווים פאַרוואָס?... מיין מאַן וועט אויפשטעהן וועל איך איהם פרעגען.

די שלאַנג (מיט דער ווייכקייט פון אַן אונשולדיג לעמעלע): חוה'לע... איהר הערט אייך בעסער צו וואָס אַ טרייע גוטע שלאַנג זאָגט אייך... (זי גיט זיך פלוצלינג אַ וויקעל ארום חוה'ן אין אַ זעהר פערשייטער פאָזע).

חוה: געהט אוועק פון מיר! גאָט קען נאָך אַנקומען וועט ער זיין בייז וואָס איך היט נישט מיין מאַן.

די שלאַנג: וואָס ציטערט איהר אַזוי פאַר דעם געטיל דאָרטען...

חוה: אוי, זעהט נאָר, מיין מאַן שטעהט דאָך אויף...

(אַזוי ווי אַ רייזענדער אַגענט וואָס קומט נאָך אַ לאַנגער ווינטער־רייזע אַהיים צו זיין יונג ווייבעל פונקט אין דער נאַכט ווען איהר שוועסטער קינד, הערשעל וויסאָצקי, נעכטיגט ביי זיי, אַזוי גיט זיך אדם אַ כאַפּ אויף און זעהט ווי די שלאַנג האַצקענט זיך שוין אוועק אויפ'ן עק אין דער טיעפעניש פון גן עדן אריין. אַ ווײַלע זיצט ער, דער ערשטער מענש, און טראַכט צי זאָל ער זיין „רעדי־מייד” אידענע דערלאַנגען מיט אַ מילגרוים איבער'ן קאָפּ, אָדער מיט אַ פאַלמע איבער'ן רוקען. אָבער באַלד האָט זיך אין איהם דער עפּעל זאַפט אָבגעקיהלט (קיין בלוט איז נאָך דאַמאָלסט נישט געווען צו קריעגען און ער טהוט אַ געשריי אַרויף אין דער הויך):

אדם: העי, דו. בעשעפער מיינער! אַט דאָס איז זי, די צאַצקע?... (עס גיט אַ בליץ און אַ דונער און עס דערהערט זיך אַ בת־קול).

דאָס בת־קול: אָט דאָס איז זי, אדם'ניו, מיין טהייער מייסטערווערק...

אדם (מען דערקענט גלייך, אז ער האָט פיינט אַ סך צו רעדען): אַ שעהנעם דאנק דיר... איך וויל נישט... האָסט נישט עפּעס בעסערס, וויל איך דאָס אויך נישט!

דאָס בת־קול: צו שפּעט, מיין טהייער מייסטער־ווערק. געמאַכט איז פערפאַלען. אויב זי געפעלט דיר נישט אזוי שטארק, וועסטו זי דיר אליין מיט דער צייט פערבעסערען.

אדם (מאַכט עס קורץ): אזוי?... זעהר גוט... איך זאָל אויסבעסערען דיין ארבייט, מוחל!

(עס דערהערט זיך אַ דונער און אַ בליץ און עס ווערט שטיל).

אדם (צו זיך אליין): נו, פטור געוואָרען! וואָס וועניגער מען רעדט מיט איהם אַלץ בעסער. (צו חוה'ן מיט אַזאַ רוגזה, אז מען קען מיינען, ער וועט מיט אידר אַ טאָג נישט אויסלעבען): ווער האָט געשיקט נאָך דיר, פערזעהעניש?

חוה (וויינט מיט הייסען עפּעל־זאַפּט): וועה איז מיר! ערשט היינט אין דער פריה בין איך גע־בוירען געוואָרען, און שוין דאַרף איך הערען אזעלכע רייד... שוין געפעל איך דיר נישט, גאָט האָט דאָך מיך געמאַכט פון דיינער אַ ריפּ...

אדם (דערמאָנט זיך עפּעס): עס האָט זיך מיר טאַקע גע'חלום'ט, אַז מען שניידט מיר אַ זייט! (וויע־דער צו'ן איהר מיט רוגזה): ווער איז דער לאַנגער שטעקען אויף איין פוס, וואָס האָט דאָ פריהער אוועק־געהינקט?...

חוה: דאָס איז דאָך די שלאַנג. גאָט האָט זי דאָך בעשאַפען נאָך פאַר אונז. זי האָט געזעהען איך זיץ דאָ אליין, איז זי צוגעקומען פאַר היימליכקייט...

אדם: וועגען וואָס האָט איהר דאָ גערעדט?

חוה: אָט, וועגען וואָס זאָל מען רעדען... וועגען עסען... זי זאָגט, אַז די עפּעל פונ'ם עץ־הדעת זיינען געשמאַקער פון אונזערע עפּעל.

אדם (אַן אויפגעקאָכטער): זי האָט זיי דען גענע־סען?

חוה: זי זאָגט, אַז זי קען קיין אַנדער פרוכט נישט עסען, נאָר די פרוכט פון עץ־הדעת.

אדם: האָט איהר דען גאָט נישט פערבאָטען די עפּעל צו עסען?

חוה: אָ, זי האַלט זעהר ווייניג פון גאָט...

אדם: אזוי? זי געפעלט מיר, איך האַלט אויך פון איהם נישט פיעל...

חוה (מיט פיעל געטריישאַפט): זי זאָגט, אַז ער האָט אונז אומישנע אָנגעשראָקען מיט דעם עץ הדעת, ווייל ער האָט מורא, אַז ווען מיר וועלען עסען פון איהם וועלען מיר ווערען פונקט אזוי קלוג ווי ער.

אדם: זי איז מיר שוין צו קלוג. זי קומט אהער וואַרף איך אַ נוס־בוים אויף איהר!

חוה: ווער איז מיר, וואָס רעדסטו?... מען דאַרף אויסמיידען אַן עפענטליכען סקאַנדאַל. ס'איז דאָך אַ מורא פאַר גאָט... איך וועל איהר לויפען אָנזאָגען, אַז זי זאָל נישט קומען אהער.

אדם: גיה, זאָג איהר, אידענע.

(חוה לויפט אוועק. ערשט ווען זי לויפט קען די מענשהייט זעהען די גאַנצע גראַציע פון איהר מוטער. אום צו מאַכען דעם איידעלסטען פערגלייך, קען מען

זאָגען, אז די מוטער חוה זעהט דאמאָלס אויס, ווי א סוברעטקע ביי זיך אין גאַרדעראָבע־צימער. אדם שרייט איהר נאָך) : העי, דו! איך געה דערווייל צום טייך פרת זיך אָנטרינקען מיט וואַסער...

(ער געהט אוועק אין אַן אַנדער זייט, ווי א בער אויף צוויי פיס. ס'איז טאַקע אין גן עדן, אָבער דאָרטען פלעגט אויך ווערען טונקעל פארנאַכט. די זון—די אייגענע זון וואָס מיר האָבען היינט, נאָר נאָך א נייע, נאָך נישט־אָבגענוצטע, האלט אין אונטערגעהן. פלוצ־לינג דערהערט זיך מוזיק, וואָס קלינגט ווי דאָס סקריי־פען פון ניט־געשמירטע רעדער. דאָס זינגען פון „מלאכים״־כאָריסטקעס שירה און דער אָסקעסטער פון טהעאַטער העלפט זיי אונטער. חוה קומט צו לויפען מיט איין עפּעל אין מויל און איינעם אין דער האַנד, אָבער איינס פון די ערטער אויף איהר לייב האָט זי שוין פערהאנגען מיט א פייגענבלאַט... דאָס פּובליקום פיהלט זיך שרעקליך ענטוישט און פיעל געהען צו דער קאַסע בעטען צוריק זייער קוואָדער. עס זיינען אָבער פאַראַן פיעל מענשען וואָס דאָס פייגענבלאַט שטערט זיי נישט און זיי בלייבען זיצען צו זעהען וואָס וועיטער וועט פאָרקומען).

חוה (שרייט ווי א בענומענע) : אָ־דם! אָ־דם!

אדם (קומט צו לויפען) : וואָס קוויטשעסטו, ריפּ מיינע! וועקסט אויף אַלע בעשעפעניששען פון הימעל און פון דער ערד...

חוה (הילט זיך איין אין זיך אַליין, אַזוי ווי אויף דעם בעריהמטען פראַנצויזישען בילד „סעפּטעמבער מאָרן״) : אדם, לעבען, קרוין, דערבאַרעם דיך... איך שעהם זיך...

אדם (מיט דעם אייגענעם קול וואָס אונזער טאַטע

פלעגט שרייען צו'ן אונזער מאמע) : וואָס רעדסטו צו מיר טערקיש ?...

חוה (דערלאַנגט איהם דעם עפּעל) : פערזוך דאָס עפּעלע, אדם לעבען. אַ שטיק געזונד וועט דיר צוקר־מען. וועסט מיר זיין דאַנקבאַר ביז די וועלט וועט אונטערגעהן...

אדם : וואָס איז דאָס פאַר אַן עפּעל ?

חוה : פון עץ הדעת, אדם'ניו...

אדם : דו האָסט שוין געגעסען פון עץ הדעת ?...

חוה (געוואַלדיג פערשעהמט) : יאָ...

אדם : נו ?

חוה : אוי, פרעג נישט !

אדם : און געשטאָרבען ביזטו נישט ?

חוה : איך ווייס נישט...

אדם : וואַרט, איך וועל דיר שוין ווייזען וואָס עס הייסט קריכען וואו מען דאַרף נישט... אַלע בעשעפע־נישען פון גן עדן וועל איך אויף דיר אָנרייצען. (מיט רציחה). ווייז אַהער דעם עפּעל !

(זי גיט איהם דאָס עפּעל. ער בייסט עס איין און עסט. ער עפענט אויף די אויגען, גלייך ער וואָלט ביז איצט געליטען אויף טראַכאָמא און נאָר איצט ערשט האָט מען איהם אזא וואסעריל אין די אויגען אריינגע־גאָסען, וואָס עס האָט איהם מיט אַמאָל זעהענדיג גע־מאַכט. נאָכדעם ווי ער האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגען, בלייבט ער שטעהן אַ פערשעהמטער. ער לויפט ארוים ווי פון אַ דונער געטראָפען און קומט באַלד צוריק מיט אַ פייגענבלאַט, אזוי ווי עס שטעהט געשריבען, דאָ הויבט זיך ווידער אויף אַ גרויסער טהייל פון פּוב־ליקום און הויבט אָן אַוועקצוגעהן, אָבער די וואָס האָבען געדולד זעהען דאָס שפּיעל ביז'ן סוף).

אדם (גיט דעם ערשטען כאַפּ אַרום חוה׳ן, אַט פּונקט ווי מיר אַלע טהוען איהם היינט נאָך, און בערעקט זי מיט הייסע קושען, דערביי מורמעלט ער אין א הייסען טאָן) : חוה׳לע!—חוה׳לע!—ווי גוט וועט אונז זיין אין גן עדן!... ווי גוט וועט אונז זיין... (און האַלטענדיג זי זעהר עלעגאַנט פאַר דער טאַליע, רוימט ער איהר עפּעס איין און געהט מיט איהר לאַנגזאַם אַוועק. ווייט אָבער קענען זיי נישט אַוועקגעהן, עס נעמט דונערען און בליצען און עס דערהערט זיך פּלוצלינג דאָס בת קול. דאָס צוהיצטע פּובליקום בערוהיגט זיך אביסעל).

דאָס בת-קול: אָ-דם! אָ-דם!...

אדם (בלייבט שטעהן און שרייט אַרויף, אַזוי ווי מען שרייט אַרויף צו אימעצען אין פענסטער אַריין אויף א דריטען שטאָק: נו, וואָס איז דאָרטען? (צו חוה׳ן) גאָט דערעסט מיר פון טאָג צו טאָג.

חוה: א דאגה האָסטו. ענטפער איהם גיך און קום.

דאָס בת-קול: קום נעהנטער, אדם! נעהנטער!

(די סצענע וואָס שפּיעלט זיך איצט אָב איז אונז אַלעמען בעקאַנט, און א פעהיגער רעזשיסער קען זיך בענוצען מיט די פערשיעדענסטע היסטאָרישע מאַ־טעריאַלען, אַבי עס זאָל נאָר פאַרגעשטעלט ווערען דער אמת, ווי דאָס אָרעמע פּאָר׳ל ווערט—טאַקע נעבעך ווי מען זאָגט נאַקעט און בלויז—ווערט אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס. די שלאַנג, וועלכע האָט, ווייסט אויס, געוואָלט צוגעהן צו חוה׳ן עפּעס זאָגען איז פּלוצלינג ווי אונטערגעהאַקט געוואָרען און זי קריכט מיט גרויס מאַטערניש אַרום אויפ׳ן בויך. נישט אדם, נישט חוה רעדען מעהר אויס א וואָרט. נאָר נאָך א לאַנגער פּויזע גיט אדם חוה׳ן א שטורך אין דער זייט אַריין, ווי

איינער זאָגט: „אַלץ איבער דיר, ריפּ מיינער!" די קעפּ אַראָבגעלאָזט געהען זיי ביידע אַרוים, אַזוי ווי אַ פּאַרמער מיט זיין פּאַרמערקע וואָס מוזען זייער פּאַרם פערלאָזען. דאָס פּובליקום טראַכט זיך: גוט אַזוי! אַלדאָס בייזע מוז בעשטראָפט ווערען! דאָך, ווען מען איז אַ מענש מיט אַ גוט האַרץ מאַכט נישט אוים אַ טראַכט צו טהון אַמאָל וואָס אונזער ערשטע מאַמע נעבעך, האָט דערנאָך געהאַט אויסצושטעהן פון אונזער ערשטען טאַטען...)

יענער בריעף

פון אברהם רייזען

איך בין געזעסען ביי מיין פריינד הערמאַן שטיין אין אָפיס. עס איז געוועזען אַ זייגער צוועלף מיטאָגס צייט. אין אָפיס איז שוין קיינער ניט געווען. די טייפּרייטערין איז נאָר וואָס ארויס צו כאַפּען אַ לאָנטש. מר. שטיין, אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און פיערציג, מיט אַ גוטמוטיגען אויסדרוק אויפ'ן מיעד־ליכען פּנים, האָט געהאַלטען אַ פּעקיל בריעף וואָס דער בריעפטרעגער האָט נאָר וואָס אריינגעטראָגען צו־זאַמען מיט אַ רעדזשיסטרירטען בריעף, און האָט ניט געהאַט אפילו ברעה זיי אויפצומאַכען. איך האָב איהם דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט:

— פאַרוואָס עפענט איהר נישט די בריעף?

— עט — האָט ער מיט אַ שמייכעל אַ מאַך גע־טהאָן מיט דער האַנד. — זיי אינטערעסירען מיך זעהר ווענינ, איך ווייס כמעט לויט'ן האַנדשריפט וואָס אינע־ווענינ געפינט זיך. פּוסטע מעשיות.

און טיעף פערטראַכטענדיג זיך אַ קליינע ווייל־ע האָט ער זיך ברייט צושמייכעלט און זיך אָנגערופען:

— ווי אַלץ פערלירט דעם רייץ, ווען מען בעזיצט עס.

— צום ביישפּיעל? בין איך נייגיעריג געוואָרען.

— איך מיין עס טאַקע ענטקעגען די בריעף — האָט שטיין גוטמוטיג געשמייכעלט — איצט זיינען זיי פאַר מיר ווי אַ משא. די מעהרסטע בריעף לייענט דורך די טייפּרייטערין. און ווירקליך, יואָס פאַר אַ

העכערען אינטערעס קענען אויפוועקען די געשעפטס־בריעף. אלע ווי איינע: מאי דיער סער! עס עקעלט מיך שוין אַב. אמאָל... אמאָל... אך, אמאָליגע בריעף!..

מר. שטיין האָט זיך ווי פער׳חלומ׳ט, ליעבליך צור־שמייכעלט און האָט פאַרטגעזעצט.

אליין ווי איהר ווייסט, שטאם איך פון א קליין־שטעדטיל אין ליטאַ. די שטעדטילשע פאָסט, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ העט הינטערען שטעדטיל, דאָרט וואו עס זיינען געשטאנען אלע „קאזיאָנע" הייזער, איז פאר מיר געווען איינע פון די געהיימניספולע גע־ביידען אין דער וועלט. דער בריעפטרעגער, א הויכער דארער שגץ, וואָס האָט איבער׳ן שטעדטיל די פאָר צעהנדליג בריעף צוטראָגען, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט פאַר איינעם פון די גרעסטע שררות. מיר חדר־אינג־לעך, וואָס האָבען ליעב געהאט צו שטעלען פראגען: וועלכער „נאטשאלניק" איז גרעסער פאר׳ן אנדרען, צי דער „פריסטאוו", צי דער „סליעדאָוואטיעל", פלע־גען אין איין וועג שוין שטעלען די פראגע: ווער איז גרעסער דער פאצטאליאָן, צי דער „אוריאדניק". און אן אוריאדניק, דארפט איהר וויסען, איז ביי אונז אינגלעך געווען אייגער פון די גרעסטע טשינגען...

אלס אינגלעך פלעג איך ליעב האָבען צו נאָכקוקען דעם דאָזיגען הויכען שגץ מיט׳ן מונדיר און גאָלדענע קנעפ, מיט דער קאָקארדע אויפ׳ן היטעל, ווי אזוי ער געהט ארום איבער׳ן גאס און לאָזט דורך צעהנדליגער הייזער און ערשט איינמאָל אין א נאָווינע טראָגט ער ערגיץ אריין א בריעף. דאָס דאָזיגע הויז האָב איך בעטראַכט פאר די אינטערעסאנטסטע אין גאס.

אז איך פלעג אמאָל זיצען פארביי אונזער הייזעל און איהם זעהן פארבייגעהן, פלעגט זיך מיר דאכטען,

אז עפּעס קוקט ער צו אונזער הויז. דאָס האַרץ מיינס פּלעגט אָנהויבען דעמאָלט שטאַרק צו קלאַפּען: ווער ווייסט: אפשר פאַר מיין טאַטען א בריעף? כאָטש געוואוסט האָב איך, אַז דאָס איז איינע פון די אונמעגליכסטע זאַכען אין דער וועלט. פון וועמען קענען מיר בעקומען בריעף, אַז אונזער גאַנצע משפחה, די זיידעס און באָבעס, פעטערס און מוהמעס וואוינען אַלע אין איין גאַס... טאָמער פלעגט זיך אַמאָל מאַכען אַ חתונה ביי דער משפחה פלעגט מען אויך די איינלאַדונגען שיקען מיט'ן שמש, אַ קליין־ניעדריג, ווילד בעוואַקסענער איד מיט אַ קול פון אַ באַנדורע:

— האָט מען געלאָזט בעטען צו חיים זעלדעס אויף דער חתונה היינטיגען פרייטאג — פלעגט ער אַרויסברומען.

דאָס איז געווען דער איינציגער איינלאַדער און די איינלאַדונג איז געווען שטענדיג בעל פּה, נישט חלילה בכתב. דאָס האָט די מחותנים פיעל ביליגער געקאָסט.

זיץ איך אַזוי איינמאָל, בין הזמנים, אַרום ראש השנה צייט פאַר אונזער הייזעל און זעה ווי עס געהט פאַרביי דער בריעפטרעגער און קוקט אַזוי דאָ אויף מיר דאָ אויפ'ן הויז, לעזט דערווייל פערטיעפט אַן אדרעס אויף אַ קאָנווערט, קנייטשט דעם שטערן, קוקט ווידער אויף מיר און שטעלט זיך ענדליך אָב געבען מיר און גיט מיר אַ פרעג:

— יאָסעל שטיין... גדיע...

כאָטש מיין טאַטע האָט טאַקע אַזוי געהייסען, בין איך דאָך גלייך נישט געפאַלען, אַז דאָס מיינט מען אונז און איך האָב צוטומעלט פאַר דער זכיה אַליין וואָס דער „פּאָטשטאַליאָן" איז צו מיר צוגעגאַנגען מיט אַ פראַגע, געענטפערט, „ניע זנאיו, גאָספּאָדין

פּאָטשטאַליאָן". אָבער אַז דער בריעפטרעגער איז אָבגעגאַנגען עטליכע טריט ווייטער, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז מיין טאַטע הייסט דאָך טאַקע יאָסעל, און זיין פאַמיליענאָמען איז דאָך טאַקע שטיין. ווי אַ משוגע'נער בין איך אריינגעלאָפען אין שטוב און ווילד צושריען זיך:

— טאַטע! גיכער, אַ בריעף!

דער טאַטע, וועלכער איז אין שטוב ארומגעגאַנגען אָהן אַ ראָק, די מאַמע און די איבעריגע הויזיגע, עלטערע שוועסטער און ברידער האָבען זיך גלייך נאָך מיר ארויסגעלאָזט הענדום פענדום אויפ'ן גאַס. איך בין געלאָפען פאָראויס אָניאָגען דעם פּאָטשטאַליאָן.

— העי גאָספּאָדין פּאָטשטאַליאָן... יאָסעל שטיין... „טוט"! „טוט"...

דער בריעפטרעגער האָט זיך אומגעקעהרט, פריהער זיך צושמייכעלט, נאכהער דערזעהענדיג די גאַנצע חברה האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס פּאַסט איהם ניט צו זיין פּאַניע בראַט, האָט ער אָנגענומען אַ ברוגזדיגע און הערשענדע מינע און זיך צובייזערט:

— וואָס זענט איהר אַלע ארויסגעלאָפען! ווער איז יאָסעל שטיין?

— יאָ... יאָ! האָט מיין פאָטער אויסגעשטרעקט ביידע הענד...

דער פּאָטשטאַליאָן האָט אָנגעקוקט מיין טאַטענס צושראָקענעם פּנים, האָט געוואָלט אַ שמייכעל טהאָן, אָבער זיך פערכאַפּט צוריק אויף אַ בייזער מינע און אויסגעשריען:

— נאַ!

דער עלטערער ברודער האָט דעם טאַטען אריינגעשושקעט:

— נותן איהם אַ שישער...

— אַ שישער איז צופיעל... — האָט די מאַמע געזאָגט.

— אַ זעקסערעל... — האָט דער ברודער ווי בעפוילען.

דער טאַטע האָט מיט אַ פרעהליכען זיפצעלע (מיין טאַטע האָט געקענט פרעהליך זיפצען) אַרויסגענומען פון די הויזען־קעשענעס אַ זעקסער און נאָכרופענדיג דעם פּאָטשטאַליאָן, וועלכער איז שוין געווען אַוועק, האָט ער איהם אומגעקעהרט און מיט הכנעה דערלאַנגט.

דאָ האָט דער בריעפּטרעגער גלייך געביטען זיין „בעציהונג” צו אונז און האָט אויף אַן אמת אַ שמייכעל געטהאָן און בעדאַנקט.

איך בין געווען איבערגליקליך פון דער דאָזיגער זכיה.

זייט דאַן פלעג איך דעם בריעפּטרעגער אָנקוקען ווי אַ בעקאַנטען און פלעג יעדעס מאָל בעגעגענדיג איהם שוין פרעגען:

— יאָסעל שטיין... יעסט פּיסמאָ.

און ער פלעגט אָפיציעל, אָבער וועדליג אזא טשינאָווניק גאַנץ איידעל ענטפערען:

— ניעט, בראַט...

וואָס אַנבעטרעפט דעם בריעף, איז ער געווען פון מיין טאַטענס אַ חבר, מיט וועלכען ער האָט אַמאָל געלערנט אין איין ישיבה. שפּעטער איז דער חבר רייך געוואָרען, לויט ווי מען האָט בעמערקט פון דעם בריעף און ער פרעגט נאָך אויפ'ן טאַטען.

דער אדרעס צוריק איז געוועזען: גאָראָד חערסאָן,

יעקאַטערינאָסלאַוו סקאַיאַ אוליצאַ, דאָס פּעטראָוואַ נו־מער שעסט... איך געדענק דעם אַדרעס ווי איצטער.

איך האָב עס דעמאָלט איינגע'חזר'ט ווי אַ ליעד און פלעג עס זינגען:

גאָראָד חערסאָן
יעקאַטערינאָסלאַוו סקאַיאַ אוליצאַ
דאָס פּעטראָוואַ
נומער שעסט...

מיינע חברים, די חדר אינגלעך, וואָס האָבען ניט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ שטאָדט חערסאָן, איז דאָס דאָזיגע ליעד מיינס אַזוי געפעלען געוואָרען, אַז זיי האָבען עס אויך אויסגעלערענט אויף אויסווענינג און מיר פלעגען ווינטער צייט, געהענדיג ביי־נאַכט פון חדר דאָס דאָזיגע ליעד הויך זינגען, אַזוי האָט זיך עס שפּעטער פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען שטעדטיל און מיר דאַכט, אַז דאָס איז געבליבען איצט איינע פון אונזערע פאָלקס־ליעדער...

אָבער ניט דאָס אין גאַנצען בין איך אויסען. די הויפּט־זאַך איז, אַז דער דאָזיגער איינציגער בריעף, וואָס מיין טאַטע האָט בעקומען האָט אין אונזער הויז געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. דער טאַטע פלעגט יעדען טאָג דעם בריעף אַרויסנעהמען און פאָרלעזען איינמאָל הויך און נאָכדעם פאַר זיך, אין דער שטיל, און פלעגט אַ לאַנגע צייט אַרומגעהן אַ פערטראַכטער...

דער עלטערער ברודער, אַ בחור'ל פון אַ יאָהר זעכצעהן, פלעגט, אַז דער טאַטע איז ניט געווען אין שטוב אַרויסנעהמען דעם בריעף, וועלכען דער טאַטע פלעגט „גוט" בעהאַלטען אויפ'ן אַלמער אונטער'ן טלית און תפילין, און פלעגט די הויפּט זאַך בעטראַכטען דעם קאָנווערט מיט די שטעמפּלען און נאָכדעם פלעגט

ער אומגעהן הין און צוריק איבער'ן שטוב און מורמלען:
חערסאָן: חערסאָן...

און איך האָב געזעהן, אַז מיין ברודער איז געוואָרען ענג די וועלט... עס האָט איהם ערגיץ געצויגען.

און אַזוי איז ער איינמאָל אין דער פריה פערשוואונדען געוואָרען.

שפּעטער איז אָוועקגעפאָהרען די שוועסטער. ביז אין פערלויף פון עטליכע יאָהר זיינען מיר זיך אַלע צופאָהרען.

און אָנגעמאַכט האָט עס אַלץ דער איינציגער בריעף, וואָס מיין טאַטע האָט בעקומען פון אַ ווייטען חבר...

יאָ, יענעם בריעף קען איך נישט פערגעסען! — האָט מיין חבר מיט אַ פערבענקטען שמייכעל געענדיגט זיין עראינערונג.

און דערביי האָט ער נאַכלעסיג געעפענט די בריעף, וואָס ער האָט נאָר וואָס בעקומען פון דער צווייטער פּאָסט, דורכגעקוקט און איינעם נאָכ'ן אַנדערען געוואָרפען אין קאָרב...

אַ ראָמאַן מיט אַ קאָנטרבאַס

פון אַנטאָן פּ. טשעכאָוו

דער מוזיקאַנט סמיטשקאָוו איז געגאַנגען פון שטאָדט צום פירשט ביבולאָוו'ס זומער־וואוינונג, וואו עס האָט געזאָלט זיין אַן „אָווענד" מיט מוזיק און טענץ. אויפ'ן רוקען האָט ער געטראָגען זיין געוואַלדיגען קאָנטרבאַס אין אַ לעדערנעם פוטעראַל. געגאַנגען איז סמיטשקאָוו מיט'ן ברעג טייך, וואָס זיין קיהלענדעס וואַסער האָט געשטראָמט אפילו נישט מאַיעסטעטיש, אָבער דערפאַר זעהר פּאָעטיש.

„אפשר זאָל איך מיך אָפּבאָדען?" — האָט ער אַ קלעהר געטהאָן.

נישט לאַנג קלעהרענדיג, האָט ער זיך אויסגעטהאָן און אַריינגעלאָזען זיין קערפּער אין קיהלענדען שטראָם. דער אָווענד איז געווען פּראַכטפול. סמיטשקאָוו'ס פּאָעטישע נשמה האָט אָנגעהויבען אַריינקומען אין אַ שטימונג, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער האַרמאָניע פון דער אַרומיגער נאַטור. אָבער ווען ער איז אָבגעשוואומען אַ הונדערט טריט אין דער זייט, האָט איהם אַרומגענומען אַן אונגעהויער־זיסעס געפיהל, דען ער האָט דערזעהן ווי אַ שעהן מיידעל איז געזעסען אויפ'ן משופּע'דיגען ברעג און האָט געפאַנגען פיש. ער האָט פערהאַלטען דעם אָטהעם און איז געבליבען אויף זיין אָרט אָהן בעוועגונג, אַזוי פיעל פערשיעדענאַרטיגע געפיהלען זיינען אין איהם אַריינגעדרונגען: ערינערונגען וועגען זיין יוגענד, בענקעניש נאָך דער

פערגאנגענהייט, אויפוואכענדע ליעבע ... גרויסער גאָט! און ער האָט געקלעהרט, אז ער איז שוין ניט אימ־שטאנד צו ליעבען! נאָכדעם ווי ער האָט פערלאָרען דעם גלויבען אין דער מענשהייט (זיין הייס־געליעבטע פרוי אין אנטלאָפען פון איהם מיט זיין פריינד סאַבאַקין), איז זיין הארץ פול געוואָרען מיט א געפיהל פון לעערקייט און ער איז געוואָרען א מענשען־פיינד.

„וואָס איז אזעלכעס לעבען? — פלעגט ער זיך נישט איינמאָל שטעלען א פראגע, — צוליעב ׳וואָס לעבען מיר? מיין לעבען איז א לעגענדע, א טרוים... א פאַלשע זעהעניש״...

אָבער ווען ער איז געשטאַנען נעגען דער שעהנער שלאָפענדער פרוי (עס איז נישט שווער געווען צו דער־קענען, אז זי איז איינגעשלאָפען), האָט ער פלוצלינג, טראָץ זיין אייגענעם ווילען, דערפיהלט אין הארץ עפּעס עהנליכעס צו ליעבע. לאַנג איז ער געשטאַנען נעגען איהר און זי געפרעסען מיט די אויגען...

„אָבער גענוג... — האָט ער א קלעהר געטהאָן און ארויסגעלאָזען א טיעפען זיפץ, — זיי געזונד, וואונ־דערבארע ערשיינונג, עס איז שוין צייט, איך זאָל זיין אויפ׳ן באַל פון פירשט״.

און נאָך אמאָל האָט ער א קוק געטהאָן אויף דאָס שעהנע מיידעל און האָט שוין געוואָלט אוועקשווימען צוריק, נאָר פלוצלינג איז איהם אין קאָפּ איינגעפאַלען א געדאַנק:

„מען דארף איהר לאָזען וועגען זיך עפּעס אן אנ־דענקען. איך וועל איהר עפּעס צובינדען צו דער ווענדקע. דאָס וועט זיין א פרעזענט פון אן אונבע־קאַנטען״.

סמיטשקאָוו איז פּאַמעלעך צוגעשוואומען צום ברעג, האָט אָנגעריסען אַ גרויסען בוקעט פון פעלד־ און וואסער־בלומען, זיי צוזאמענגעבונדען מיט אַ ריי־טעל און דאָס צוגעבונדען צו דער ווענדקע.

דער בוקעט האָט זיך אראָבגעלאָזען אין וואסער און האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט די שעהנע נעץ.

אַלס סמיטשקאָוו איז ווידער צוגעשוואומען צום ברעג, איז ער געווען ערשטוינט: ער האָט זיינע קליידער נישט געפונען. מען האָט זיי צוגע'גנב'עט... אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך אָנגעטהאָן פערגע־ניגען מיט'ן בעטראַכטען דאָס שעהנע מיידעל, האָבען אונבעקאַנטע גנבים צוגענומען אַלץ, אויסער זיין קאָנטרבאַס און זיין צילינדער.

— צום טייוועל! — האָט סמיטשקאָוו אויסגע־שריען — אַ, מענשען־שלאַנג! עס ארט מיך נישט אזוי פיעל, וואָס מען האָט מיר צוגענומען די קליידער (ווייל די קליידער — דאָס איז דאָך אַ קלייניגקייט), ווי דער געדאַנק, אז איך וועל מוזען געהן נאַקעטער־הייט און דורכדעם זינדיגען געגען דער געזעלשאַפט־ליכער מאָראַליטעט.

ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן פוטעראל מיט'ן קאָנטרבאַס און האָט אָנגעהויבען קלעהרען, ווי ער זאָל זיך ראטעווען פון דער שרעקליכער לאַגע.

„איך קען דאָך נישט געהן נאַקעטערהייט צו פירשט ביבולאָוו! — האָט ער געקלעהרט. — דאָרט וועלען דאמען זיין!" ער האָט געקלעהרט לאַנג, אזוי אז אין די שלייפען האָט איהם אָנגעהויבען וועה טהאָן.

„באַ! — האָט ער זיך, ענדליך, דערמאָנט. — נישט ווייט פון ברעג, אין וועלדעל, געפינט זיך אַ בריק... ביז עס וועט פינסטער ווערען, קען איך אונטערזיצען

אונטער דיעזען בריק, און אין אָווענד, אין דער פינ־סטערניש, וועל איך שוין ווי עס איז דערקריכען ביז דעם ערשטען הייזעל"...

ווען ער האָט בעשלאָסען דעם דאָזיגען געדאַנק, האָט ער אָנגעטהאָן אויפ'ן קאָפּ דעם צילינדער, ארויפ־געלעגט אויפ'ן רוקען דעם קאָנטרבאַס און זיך געלאָזט געהן צום וועלדעל. א נאַקעטער מיט'ן מוזיקאַלישען אינסטרומענט אויפ'ן רוקען, איז ער געווען עהנליך צו עפּעס אַן אוראַלטען, לעגענדאַרישען האַלבגאָט.

איצט, לעזער, וועהרענד מיין העלד זיצט אונטער'ן בריק און פערטיעפט זיך אין זיין טרויער, וועלען מיר איהם אויף א געוויסע צייט לאָזען אליין און מיר וועלען צוריקגעהן צום מיידעל, וואָס פאַנגט פיש. וואָס איז געוואָרען מיט איהר? אלס דאָס שעהנע מיידעל האָט זיך אויפגעכאַפּט און נישט דערזעהן אויפ'ן וואַסער דעם עק פון נעץ, האָט זי שנעל א ציה געטהאָן, אָבער דער אַנדערער עק איז פון וואַסער נישט ארויס. ווי עס שיינט, איז סמיטשקאָוו'ס בוקעט אין וואַסער געוואָרען אָנגעשוואָלען און שווער.

„אָדער איך האָב געכאַפּט א גרויסען פיש, — האָט דאָס מיידעל א קלעהר געטהאָן, — אָדער די נעץ האָט זיך פערטשעפּעט".

„ס'א שאָד דאָס איז! — האָט זי ווייטער געטראַכט — און אין אָבענד איז אַזוי גוט צו פאַנגען. וואָס טהוט מען?"

און נישט לאַנג קלעהרענדיג, האָט דאָס מיידעל אראָבגעוואָרפען פון זיך איהרע לייכטע קליידער און אריינגעלאָזען איהר שעהנעם קערפּער אין שטראָם ביז איבער די מאַרמאָרנע אַקסלען. עס איז נישט לייכט געווען אָבצוטשעפּען די נעץ פון בוקעט, אין וועלכען

זי האט זיך איינגעדרעהט, אבער מיט געדולד און מיה האט דאס מיידעל דאס איהריגע אויסגעפיהרט. אין א פערטעל שעה ארום איז דאס שעהנע מיידעל, א שיינענדיגע און א גליקליכע ארויסגעגאנגען פון וואסער און געהאלטען אין האנד די נעץ.

אבער דאס בייזע מזל האט שוין געווארט אויף איהר. די גנבים, וועלכע האבען צוגע׳גנב׳עט סמיטש־קאוו׳ס קליידער, האבען אויך איהרע צוגענומען און איהר געלאזען נאר דאס קריגעלע מיט ווערים.

„וואס זאל איך איצט טהאן? — האט זי אנגע־הויבען וויינען. — צי קען איך דען געהן אט אזוי? א, ניין, אויף קיין פאל ניט! בעסער שטארבען! איך וועל ווארטען ביז עס וועט פינסטער ווערען; דאן וועל איך אין דער פינסטערניש דערגעהן ביז צו דער מוהמע אגאפיע און וועל זי שיקען אהיים ברענ־גען א טוך... און דערווייל וועל איך געהן זיך בעהאל־טען אונטער׳ן בריק"...

מיין העלדין האט אויסגעקליבען אן ארט, וואו דאס גראז איז הויך, און איינגעבויגענערהייד איז זי געלאפען צום בריקעל. ווען זי איז אריינגעקראכען אונטער׳ן בריק, האט זי דארט דערזעהן א נאקעטען מענשען מיט א מוזיקאלישער גריווע און מיט א האריגער ברוסט. זי האט א געשריי געטהאן און איז געבליבען אין חלשות.

סמיטשקאוו איז אויך דערשראקען געווארען. צום ערשטען האט ער געמיינט, אז זי איז א רוח.

„צי איז דאס נישט א מאל א טייך־געטין, וועלכע איז געקומען מיך פערפיהרען?" — האט ער א קלעהר געטהאן, און פון אזא השערה איז ער געוועזן שטארק צופריעדען, ווייל ער האט שטענדיג געהאלטען זעהר

פּיעל פון זיין שעהנהייט. אויב אָבער זי איז ניט קיין געטין, נאָר אַ מענש, טאָ ווי קומט עס, וואָס זי געהט אָט אַזוי אַ? וואָס טהוט זי דאָ, אונטער'ן בריק? און וואָס איז מיט איהר?"

יועהרענד ער האָט געקלעהרט וועגען דיעזע פראַגען, איז דאָס שעהנע מיידעל דערוויייל צו זיך געקומען.

— הרג'עט מיך נישט — האָט זי שטיל געבעטען.

— איך בין פירשט ביבולאָוו'ס טאָכטער. איך בעט אייך! מען וועט אייך פיעל געלד געבען! נאָר־וואָס האָב איך אין וואַסער אָבגעטשעפּעט די נעץ, דערווייל זיינען געקומען גנבים און צוגע'גנב'עט מיינע קליידער, מיינע שיך און אַלץ!

— מיין הערין! — האָט סמיטשקאָוו געזאָגט מיט אַ בעטענדען טאָן. — מיר האָט מען אויך צוגע'גנב'עט מיינע קליידער.

אַלע, וואָס שפּיעלען אויף קאָנטרבאַסען און טראָמ־באָנען, זיינען, געוועהנליך, ניט גאַנץ קלוג; סמיטש־קאָוו אָבער איז גראַדע געווען אַן אַנגענעהמער אויס־נאַהם.

— מיין הערין! — האָט ער געזאָגט אַביסעל שפּעטער. — ווי איך זעה, איז אייך נישט אַנגענעהם צו זעהן מיך אין אַזאַ צושטאַנד, אָבער איהר דאַרפט דאָך אַליין פערשטעהן, אַז איך קען פון דאַנען ניט אוועקגעהן צוליעב דער זעלבער סיבה, וואָס איהר מוזט דאָ בלייבען. האָב איך אָט וואָס אויסגעקלעהרט! צי וועט איהר נישט וועלען זיך אַריינלעגען אין פוטעראַל און זיך צודעקען מיט'ן דעקעל? דאָס וועט מיר פער־שטעלען פון אייך...

ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער אַרויסגע־שלעפּט פון פוטעראַל דעם קאָנטרבאַס. איין מינוט

האט איהם אויסגעוויזען, אז דערמיט, וואס ער גיט אוועק דעם פוטעראל, פערשוועכט ער די היילינקייט פון דער קונסט, אבער ניט לאנג האט געדויערט זיין צווייפעל. דאס שעהנע מיידעל האט זיך ארייגעלעגט אין פוטעראל און האט זיך איינגעקארטשעט, און ער האט ארומגעצויגען די רימענס און האט זיך אנגעהויבען פרעהען, וואס די נאטור האט איהם בעגאבט מיט אזא שכל.

— איצט, מיין הערינן, וועט איהר מיך נישט זעהן, — האט ער געזאגט. — ליעגט זיך דא און זייט רוהיג. ווען עס וועט פינסטער ווערען, וועל איך אייך אבטראגען צו אייערע עלטערען אהיים. נאכ'ן קאנטר־באס קען איך קומען שפעטער.

ווען עס איז פינסטער געווארען, האט סמיטשקאוו ארויפגעלעגט אויף די אקסלען דעם פוטעראל מיט דעם שעהנעם מיידעל און זיך געלאזט געהן צו ביבור־לאוו'ס זומער־וואוינונג. זיין פלאן איז געווען אזוי: ער וועט דערגעהן ביז'ן ערשטען בעסטען הייזעל, וועט זיך דארט שאפען קליידער, דערנאך וועט ער געהן ווייטער...

— מיין הערינן, איז אייך דארט אנגענעהם? — האט ער געפרעגט מיט א טאן פון א גאלאנטען קאוואַ־ליער, וואס לאדעט איין א דאמע צום טאנץ. — זייט אזוי גוט, אהן צערעמאניעס, און צולעגט זיך אין פוטעראל ווי ביי זיך אין דער היים!

פלוצלינג האט דעם גאלאנטען סמיטשקאוו זיך אויסגעוויעזען, אז נישט ווייט פון איהם געהען צוויי מענשליכע פיגורען, איינגעהילט אין דער פינסטערניש. ווען ער האט זיך גוט צוגעקוקט, האט ער זיך איבער־צייגט, אז ער האט נישט קיין טעות: פיגורען זיינען

ווירקליך געגאַנגען און האָבען זאָגאַר געטראָגען אין די הענד עפּעס פּעקעלעך...

„צי זיינען דאָס אמאָל נישט די גנבים? — איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק אין קאָפּ. — זיי טראָגען עפּעס! עס זיינען געוויס אונזערע קליידער!"

סמיטשקאָוו האָט אוועקגעלעגט ביים וועג דעם פוטעראַל און זיך אָנגעהויבען יאָגען נאָך די פיגורען.

— שטעה! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן. — שטעה! האַלט!

די פיגורען האָבען זיך אומגעקוקט, און ווען זיי האָבען בעמערקט, אַז מען יאָגט זיי, האָבען זיי גע־נומען אַנטלויפען... דעם פּירשט'ס טאָכטער האָט נאָך לאַנג געהערט שנעלע טריט און געשריען: „שטעה!" ענדליך איז אַלץ שטיל געוואָרען.

סמיטשקאָוו האָט אַלץ נישט אויפגעהערט נאָכצו־יאָגען, און דאָס שעהנע מיידעל וואָלט געוויס נאָך אַ לאַנגע צייט געמוזט אַזוי אָבליגען אויפ'ן פעלד ביים וועג, ווען נישט אַ גליקליכער צופאַל. עס האָט זיך גע־טראָפען, אַז גראַדע אין יענער צייט זיינען אויפ'ן וועג פאַרבייגעפאָהרען צו ביבולאָוו'ס זומער־וואוינונג סמיטשקאָוו'ס חברים, דער פליים זשוטשקאָוו און דער קלאַרנעט ראַזמאַכייקין. אַז זיי האָבען זיך אָנגעשטרויכעלט אָן פוטעראַל, האָבען זיי ביידע זיך אָנגעקוקט פערוואונדערט און אויסגעשפּרייט די הענד.

— אַ קאָנטרבאַס! — האָט זשוטשקאָוו געזאָגט. — באַ, דאָס איז דאָך אונזער סמיטשקאָוו'ס קאָנטר־באַס! אָבער ווי אַזוי קומט ער אַהער?

— געוויס האָט סמיטשקאָוו'ן עפּעס געטראָפען, — האָט ראַזמאַכייקין בעשלאָסען. — אָבער ער האָט זיך אָנגעשכור'ט, אָדער מען האָט איהם בערויבט... אַלענ־

פאַלס קען מען דאָ דעם קאָנטרבאַס נישט איבערלאָזען, לאָמיר איהם מיטנעהמען מיט זיך.

זשוטשקאָוו האָט אַרויפגעלעגט אויף זיין רוקען דעם פוטעראַל, און די מוזיקאַנטען זיינען ווייטער געגאַנגען.

— ווייס דער טייוועל, ווי שווער דאָס איז! — האָט דער פּלייט דעם גאַנצען וועג זיך בעקלאָגט. — פאַר קיין פאַל אין דער וועלט וואָלט איך נישט גע־וואָלט שפּיעלען אויף אַזאַ מין אינסטרומענט... אוף!

ווען זיי זיינען געקומען אין דער זומער־וואוינונג פון פירשט בוביל‏אָוו, האָבען די מוזיקאַנטען אוועקגע־לעגט דעם פוטעראַל אויפ'ן אָרט, וועלכעס איז געווען בעשטימט פאַר'ן אָרקעסטער און זיינען אוועקגעגאַנגען אין בופעט.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אויף דער זומער־וואוינונג שוין אָנגעצונדען די לאָמפּען און ליכט. דעם פירשט'ס טאָכטער'ס חתן, דער הויפראַטה לאַקייאיטש, א שעהנער און סימפּאַטישער בעאַמטער פון פערקעהרס־מיניסטעריום, איז געשטאַנען אין מיטען זאַל, די הענד אין די קעשענעס, און געשמועסט מיט'ן גראף שקאַ־ליקאָוו. גערעדט האָט מען וועגען מוזיק.

— איך, גראף, — האָט לאַקייאיטש גערעדט: בין אין נעאַפּאָל פּערזענליך געווען בעקאַנט מיט א פיעדעל־שפּיעלער, וואָס האָט פּשוט וואונדער בעוויזען. איהר וועט עס ניט גלויבען! אויף א קאָנטרבאַס... אויף א געוועהנליכען קאָנטרבאַס פלעגט ער אויס־שפּיעלען אַזעלכע טייוולישע טרעלען, אַז פּשוט א שרעק! שטרויס'עס וואַלסען פלעגט ער אויסשפּיעלען!

— לאָזט צורוה, דאָס קען נישט זיין... — האָט דער גראף זיך געוואונדערט.

— איך פערזיכער אייך! זאגאר ליסט'ס ראפסאָ־דיע פלעגט ער אויספיהרען! איך האָב געוואוינט מיט איהם אין איין נומער, און אזוי ווי מיר האָבען נישט געהאט וואָס צו טהאָן, האָט ער מיך זאָגאר אויסגע־לערענט צו שפּיעלען אויף א קאָנטרבאס ליסט'ס ראפּ־סאָדיע.

— ליסט'ס ראפסאָדיע!... הם!... איהר לאכט דאָס...

— איהר גלויבט נישט? — האָט לאקייאיטש זיך צולאכט. — אויב אזוי, וועל איך עס אייך באלד בע־וויזען! לאָמיר צוגעהן צום אָרקעסטער.

אלס זיי זיינען צוגעקומען צום קאָנטרבאס, האָבען זיי אָנגעהויבען שנעל אויפצובינדען די רימענס... און — אָ, שרעקען!

אָבער ווערהרענד דער לעזער קען דאָ פריי לאָזען זיין פאַנטאזיע און זיך פאָרשטעלען, וואָס דאָ איז גע־וואָרען פון מוזיקאלישען וכוח, וועלען מיר דערווייל צוריקקעהרען צו סמיטשקאָוו'ן. דער אומגליקליכער מוזיקאנט האָט די גנבים נישט דעריאָגט, און ווען ער איז צוריקגעקומען צום אָרט, וואו ער האָט איבערגע־לאָזען דעם פוטעראַל, האָט ער זיין טייערע משא נישט געפונען. נישט פערשטעהענדיג, וואָס דאָ האָט גע־קענט פּאָרקומען, איז ער עטליכע מאָל פארבייגעגאַנ־גען אהין און צוריק איבער'ן וועג און אלס ער האָט דעם פוטעראל דאָך נים געפונען, האָט ער בעשלאָסען, אז ער האָט פערבלאָנזשעט און געפינט זיך אויף אן אנדער אָרט.

— דאָס איז שרעק! — האָט ער געקלערט, זיך געכאפּט פאַר די האָר און געציטערט פאר שרעק. —

זי וועט אין פוטעראל דערשטיקט ווערען! איך בין א מערדער!

ביז האלבע נאכט איז סמיטשקאָוו ארומגעגאנגען איבער די וועגען און האָט געזוכט דעם פוטעראל, אָבער ענדליך, אלס ער איז שוין געבליבען אָהן כחות, איז ער צוריק אוועקגעגאנגען אונטער'ן בריק.

— פארטאָג וועל איך א זוך טהאָן, — האָט ער בעשלאָסען.

דאָס זוכעניש פארטאָג האָט איהם אויך גאָרנישט געהאָלפען, און סמיטשקאָוו האָט בעשלאָסען צו וואַר־טען אונטער'ן בריק ביז נאכט...

— איך וועל זי געפינען! — האָט ער געמורמעלט, אראָבנעהמענדיג דעם צילינדער און זיך כאפענדיג פאר די האָר פון קאָפּ. — א יאָהר מעג איך זי זוכען, אָבער געפינען מוז איך זי!

— — — — — — — — — — — — — —

און נאָך איצט דערצעהלען די פויערים, וואָס וואוי־נען אין יענע ערטער, אז אלע נאכט קען מען ארום בריק זעהן עפּעס א נאקעטען מענשען, וואָס איז בע־וואקסען מיט האָר און אין א צילינדער. אמאָל הערט מען פון אונטער'ן בריק א סקריפּעריי פון א קאָנטרבאס.

פערזאָרגט די בנים

פון ח. גאָטעספעלד

איך אליין בין מיר א שוואַכינקער, א קליינינ־קער, א גאָר־ניט; אָט הויבט זיך ביי מיר אָן דאָס קעפּיל און אָט ענדיגען זיך שוין ביי מיר די פיסלעך — פון דעסטוועגען פערמאָג איך מיר מיין אייגענס א זעקס קינדער, און אלע גראָטענע, אלע זיהן, אלע בנים, יונגען מיט פיסקעס, מיט קייערס, מיט א גוי'שען אפּעטיט; אז זיי נעהמען זיך צו א קוליטש, איז וועה צו דעם קוליטש'ם יאָהרען! זיי צופלעכטען איהם און צודרעהען איהם אזוי, אז עס בלייבט ניט פון איהם קיין שריד ופליט. און טאָמער חס וחלילה איך קען זיי אזוי פיעל ברויט ניט ליפערען, זיינען זיי בערייט מ י ך א ל י י ן איינצושלינגען — און זיי זיינען עם בכח, די חברה!

איך, א קליין טאטעלע, און זיי, קיין עין הרע, קיין בייז אויג, בנים מיט קייערס, מיט אַן אפּעטיט — איז טאַקי סכנות נפשות.

ויהי היום, טרעפט זיך א מעשה: א אידענע קלאַפּט ביי מיר אין דער טהיר.

— קאָם אין! — צושריי איך זיך און דערשרעק זיך, ווייל ווער האָט עס ביי מיר צו קלאַפּען? מיינע ביזנעס?

און א אידינע לאָזט זיך אריין.

— גוט נאַבענט!

— גוט יאָהר!

— איהר זיינט דאָס דער טאַטע פון דעם יונג,

וואָס האָט אויסגעקלאַפּט אַ „ווינדאו" אין מיין סטאָר?
— פרעגט די אידענע.

איך טהו אַ צעהל איבער מיינע בנים: איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף פּיסקעס — עס פעהלט איינער.

— יאַ, איך בין עס אודאי דער טאַטע פון יענעם בחור — טהו איך מיר אַ שטעל פאַר.

— נו, וועט איהר אַזוי גוט זיין בעצאָהלען פאַר דער „ווינדאו", אַלאַ ניט, קריגט איהר איהם ניט צוריק.

— וואָס, מיין בחור איז ביי אייך? — פרעג איך מלא שמחה.

— יעס — זאָגט זי — מיין מאַן האָט איהם גע־כאַפּט און ער האַלט איהם.

— לאַנג לעבען זאָל אייער מאַן דערפאַר — זאָג איך איהר.

— אָבער איהר וועט מוזען בעצאָהלען פאַר דער „ווינדאו" — מאַכט זי, אַלאַ ניט, וועט איהר ניט קריגען צוריק אייער בחור — סטראַשעט מיך ווייטער די אידענע.

— דאַצרייט! — שאָקעל איך מיט'ן קאָפּ.

די אידענע איז פערשוואונדען און שפּעטער מיט אַ פּאָר שטונדען לאָזט זיך צו מיר אריין אַ הויכער איד —פון די הויכע אידען.

— איהר זיינט דאָס דער טאַטע, דאָס טאַטעלע פון דעם באָמער, וואָס האָט אויסגעקלאַפּט די „ווינדאו" פון מיין סטאָר?

— יעס, איך! — שטעל איך מיך פאַר.

— איך מאַך אייך בעקאַנט — זאָגט ער, — אַז איהר דאַרפט מיר בעצאָהלען פאַר דער „ווינדאו"!

— אַז איך דאַרף אייך בעצאָהלען פאַר דער „ווינ־דאו" — ברום איך איהם נאָך.

— און אויב איהר וועט ניט בעצאָהלען, קריגט איהר ניט צוריק אייער בחור — סטראַשעט דער הויכער איד.

— און אויב איך וועל ניט בעצאָהלען, קריג איך ניט צוריק מיין בחור — זאָג איך איהם נאָך.

— מיסטער — שרייט אויף מיר דער איד — איהר מאַכט גאָר חוזק?

— חלילה, איך מיין ערנסט — זאָג איך.

— אָבער פאַר וואָס בעצאָהלט איהר ניט? — פרעגט דער איד שוין ווייכער.

— איך — זאָג איך — אז איך צאָהל ניט, פאַלט מיר אָפּ א שטיק געזונד.

— טו פאַר וואָס־זשע צאָהלט איהר ניט? — פרעגט דער איד.

— פאַר וואָס־זשע צאָהל איך ניט? — פרעג איך איהם.

— פאַר וואָס? — שרייט דער איד.

— פאַר וואָס צאָהל איך ניט דעם גראָסערי מאַן? פאַר וואָס צאָהל איך ניט דעם בוטשער? — פרעג איך.

— פאַר וואָס? שרייט דער איד.

— און פאַר וואָס צאָהל איך ניט דעם לענדלאָרד?
— פרעג איך ווייטער.

— פאַר וואָס! — בייזערט זיך דער איד.

— און פאַר וואָס צאָהל איך ניט דעם אגענט פון דער זינגער־מאַשין? — פרעג איך.

— פאַר וואָס! — געוואַלדעוועט דער איד.

— עס איז אַ גאָט'ס רחמנות אויף דעם אגענט — זאָג איך — יענער איז שוין געווען צוועלף מאָל מאָהנען און פאַר וואָס צאָהל איך איהם ניט, פאַר וואָס?

— פאַר וואָס?! — קלאַפּט דער איד שוין אין

טיש — און פאר וואס צאהל איך אייך ניט פאר דע „ווינדאו” — זאג איך — אייער ווייב איז ביי מיר געווען איינמאל און איהר זיינט שוין דא צום צוויי־טען מאל.

— אדרבא, פאר וואס? — וויל דער איד מיך באלד דורם זיין.

— נו, זייט א חכם און טרעפט פאר וואס! — זאג איך.

— מיסטער, איהר האט ניט געטראפען קיין יאלד, מיט מיר שפאסט מען ניט, אויב איהר וועט ניט צאהלען, האלט איך אייער בחור פאר א משכון.

— דאצרייט! — זאג איך איהם נאך.

דער הויכער איד איז אוועק און איך האב מיך גענומען פיהלען גאר דאסיג! שוין, דאנקען גאט, פערזאגט איין זוהן. סעמי, דזשייקי, איזי, היימי! — האב איך מיך געווענדעט צו מיינע איבעריגע בנים — נעהמט שטיינער און לאזט זיך ארוים אויסהאקען פענסטער!...

די זעלבסטמערדער

(גראָטעסק)

פון כאַפּט איהם

מאָרים האָט געוואָרפען אַן אומ'חן אויף בעקי'ן, מיט וועלכער ער האָט אין אַ וואָך אַרום געדאַרפט שטעלען חופה. דאָס האָט בעקי'ן זעהר געערגערט.

„כ'וועל מיר נור נעהמען דאָס לעבען! כ'וועל מיך הענגען! כ'וועל מיך טרענקען! איך וועל זיך אַריינוואַרפען אין וואַסער!" — האָט די אָרימע בעקי אויסגערופען פערצווייפעלט און האָט זיך געלאָזט לויפען צו ברוקלין בריק.

אויפ'ן וועג שלאָגט זי זיך אָן אַן היימאַן'ען, וועלכער איז אין בעקי'ן פערליעבט ביז צום טויט.

„בעקעניו, האַרצעניו, וואוהין לויפסטו?" — כאַפּט זי היימאַן אָן פאַר'ן האַנד.

„לאָז מיך, לאָז מיך! איך געה זיך טרענקען!"— ענטפערט בעקי און לויפט ווייטער.

„אָהן דיר איז מיין לעבען קיין לעבען ניט! אַז שטאַרבען זאָלען מיר שטאַרבען צוזאַמען!" — רופט היימאַן אויס פּאַטעטיש, נאָכלויפענדיג בעקי'ן.

„קום!" — לאַדט איהם בעקי איין.

און בעקי און היימאַן לויפען צום בריק.

לויפענדיג שטויסען זיי זיך אָן אָן ראָזע'ן, וועלכע געהט אויס פאַר ליעבע צו היימאַן'ען.

„הייערסטער!" — פּראָבירט איהם ראָזע אָבהאַלטען — „וואו אַהין פליהסטו?"

„שטאַרבען!‟ — ענטפערט איהר היימאַן, אוועק־שאַרענדיג איהר אַן אַ זייט, און לויפט ווייטער.

„שטאַרבען, אַהן מיר?!‟ — קען עס ראָזע ניט בעגרייפען — „נאַסערי! אז שטאַרבען איז צוזאמען! דיין טויט איז מיין טויט!‟

„קום!‟ — באַט איהר היימאַן אַן זיין אָרעם.

און היימאַן און בעקי און ראָזע לויפען צום בריק.

לויפענדיג זאַלבעדריט צום טויט, קומט זיי פּלוצ־לינג אין וועג סעם דער אפּערייטאָר, וועלכער איז, פון גרויס ליעבע צו ראָזע׳ן, נעבאך אַראָפּ פון זינען און האַט אַזש אָנגעהויבען שרייבען ליעדער...

„גאָלדענע נאָדעל פון מיין גייסטיגע מאַשין! זייר־דענער אונטערשלאַג פון מיין הימלישען אויבערראָק, וואוהין איילסטו?!‟ — כאַפּט סעם קושען די שפּיץ פינגער פון ראָזע׳ס האַנד.

„זייי געזונד, סעם! איך געה שטאַרבען!‟ — ענטפערט איהם ראָזע און לויפט.

„עלעקטרי פון מיין זעעלע! אָהן דיר איז סלעק אין מיין הארצען! ליובע מיינע, נעהם מיך מיט!‟ — בעט זיך ביי איהר סעם.

„טו קום, סעם!‟

און היימאַן און בעקי און ראָזע און סעם לויפען צום בריק...

קאָרנער קאַנעל און בויערי בעגעגענען זיי דער לאַנגער גאָסי, סעם׳ס פינישערין. סעם איז שוין פון לאַנג אַן דער שוואַרץ־אַפּעל פון גאָסי׳ס האַלב־בלינדע אויגען. צוויי מאָל איז זי שוין צוליעב סעם׳ען בע־גאַנגען זעלבסטמאָרד דורך גאַז. נור אונגליקליכער־ווייזע האָט ביידע מאָל אויסגעפעהלט גאַז אין דעם „קוואָדער־מיטער‟ און זי איז געבליבען לעבען מיט

איהר פלאמענדער ליעבע צו סעם'ען טיעף אין איהר פלאכער ברוסט. איצט האט זי בעשלאסען זיך צו טויטען מיט קארבאל-זויער. „מען דארף פרובען מזל", האט זי געטראכט, „אפשר וועט עס מיט קארבאל געהן בעסער".

ווען גאסי האט איצט דערזעהן סעם'ען, האט זי זיך בעשלאסען, אז זי מוז זיך מיט איהם געזעגענען פאר'ן טויט.

„סעם!" — איז זי צו איהם צוגעלאפען — „איין מינוטעלע! איך וויל דיך זעהן!"

„צו שפעט, גאסי!" — האט איהר סעם געענט־פערט — „איך געה צום טויט! „גוד באי!"

„צום טויט?" — איז גאסי צוגעשפרונגען צו סעם'ען — „טו נעהם מיך מיט! איך געה אויך!"

און היימאן און בעקי און ראזע און סעם און גאסי לויפען צום בריק...

נאך איין אונגליקליכען איז בעשערט געווען בע־פרייט צו ווערען פון זיינע אונערטרעגליכע ליעבעס־ליידען. דאס איז געווען זרח פיטומשפיץ, א טאטע פון צעהן קינדער, א דם שונא פון זיין ווייב, און א גליהענדער פערעהרער פון גאסי'ן.

זרח פיטומשפיץ האט נור וואס אוועקגעשיקט א בריעף צו דער פאליציי, אז זיין אידענע האט איהם פער'סם'ט, און ער אליין, מיט א פלעשעלע קארבאל־זויער אין בוזים־קעשענע, געהט עס איצט אהיים זיך מאכען דעם טויט...

דערזעהט ער אויפ'ן וועג זיין גאסי'ן צוזאמען מיט די איבעריגע זעלבסטמערדער.

— גאסי, וואוהין?

— שטארבען.

— נעהם מיך מיט!

— קום.

און הײמאַן און בעקי און ראָזע און סעם און גאָסי און זרח לויפען צום בריק...

אויפ'ן מיטען בריק זײנען געשטאַנען פינף און צוואַנציג פּאָרלעך, אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגע קייט פּאַרטיג צום שפּרינגען אין וואַסער. זײ האָבען בלויז געוואַרט אַז אימיצער זאָל מאַכען דעם אָנפאַנג, וואָס זאָל דיענען אַלס סיגנאַל פאַר די איבעריגע... איין מינוט און אַלע זעלבסטמערדער וועלען אָבלעשען זײ־ערע פערצעהרענדע ליעבעס־פלאַמען און ליעבעס־לײדען אין טיעפען, קאַלטען אָפּגרונד פון איסט ריווער!...

דער שרעקליכער סיגנאַל איז געקומען...

„שפּרינגען!" — האָט זרח פּיטעמשפּיץ אַ קאָ־מאַנדעווע געטהאָן.

„לײדיס פוירסט!" — האָט זײ סעם דער אָפּע־רייטאָר דערמאָהנט די זעלבסטמערדער אַז זײ שטאַר־בען אין אַמעריקאַ.

„דזשענטעלמען פוירסט!" — האָט גאָסי די פּי־נישערין געגעבען די זעלבסטמערדער צו פערשטעהן, אַז אין אַזאַ מאָמענט בעשטעהן זײ ניט אויף זײער הײליג דאַמען־רעכט...

לײדיס פוירסט!—האָבען עטליכע מענער זעלבסט־מערדער אונטערשטיצט סעם'ס פאָרשלאַג, און גע־טענה'ט אַז זײ ווילען אין לעצטען מאָמענט פון זײער לעבען בשום אופן ניט פערשוועכען אַזאַ הײליגען פּונקט פון דער אַמעריקאַנער „קאָנסטיטוציע" ווי: „לײדיס פוירסט".

— — — — — — — — — — — — — —

איז אַ האַלבע שטונדע שפּעטער האָט אַ סקאַדראָן

פאַליציי פערנומען אַלע זעלבסטמערדער אין סטיישאַן־הויז. אהין האָט מען געבראַכט אַ חופּה, פיער שטאַנגען און אַ מסדר קדושין. פיער געזונדע פאַליציסטען האָבען געהאַלטען די שטאַנגען און צוויי פאַלים־קעפּטיינס זיינען געווען די אונטערפיהרערס.

נאָכדעם ווי דער מסדר קדושין האָט אָבגע׳הרי־את׳עוועט אַ האַלבע שטונדע, האָבען אַלע זעלבסט־מערדער ערר‍ייכט זייער צוועק...

דער וועלט טאטע

(א פאנטאזיע)

פון עליאש.

עס איז אין יאהר 1925, נאכדעם ווי די לעצטע צוויי מאנספערשוינען, א אינגעל פון אכט און א זקן פון אכציג, זיינען געפאלען, האבען די קאנאנען אויפ־געהערט צו קנאלען און די מלחמה האט זיך פון זיך אליין געענדיגט.

די גאנצע צייט פון קריעג בין איך געלעגען אין קעלער פון „קונדס"־רעדאקציע, אונטער א בארג אויסגעבראקירטע „מייסטערווערק", כדי מען זאל מיך ניט אוועקשיקען דער'הרג'ט צו ווערען אין די טרענטשעס.

דערהערט אז די שיסעריי האט אויפגעהערט, בין איך ארויס אויף דער וייסער וועלט.

איך האב געטראפען א שוידערליכען חורבן. די מלחמה, אין וועלכע אלע פעלקער פון דער וועלט, אמעריקא בתוכם, האבען זיך בעטייליגט, האט אלעס צושטערט, פערוויסט, חרוב געמאכט.

אלע מענער פון דער וועלט האבען פריעדליך גערוהט אין ברודער־קברים. צווישען די געפאלענע אין דער וועלט־שלאכט זיינען געוועזן אלע מיינע פריינד און בעקאנטע, אלע ליטעראטען, זשורנאליסטען און רעדאקטארען, צווישען זיי אויך דער רעדאקטאר פון „קונדס", וועלכער איז לאכענדיג געפאלען אלס פעלד־מארשאל פון דער קונדסים־דיוויזיע. דער שלום איז געשלאסען געווארען פון די פערבליעבענע פרויען.

איך בין, אלזא, געבליעבען דער איינציגער מאנס־פערשוין אויף דער וועלט.

גאנץ איירָאפּא, אמעריקא, אפריקא, אויסטראליען, זיינען געפיהרט געוואָרען פון ווייבער. זיי זיינען געווען פּרעזידענטען, קסרים, רעדאקטאָרען, חזנים, שוחטים און מוהלים (ווייל, פערגעסט ניט, אז איידער די מענער זיינען אוועק אין שלאכט, איז זייער ערשטע מיליטערישע פליכט געווען חתונה צו האָבען און דאָס קינדלען איז אָנגעגאנגען א שעהנע עטליכע מאָנאטען נאָכדעם ווי אלע מענער זיינען אויסגע'הרג'ט געוואָרען).

פון די טאָג־בלעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז אמעריקא, בשותפות מיט ענגלאנד און פראנקרייך, פלאנט צו שיקען אַן עקספּעדיציע צום נאָרד־פּאָל, פיליכט וועט מען דאָרט געפינען כאָטש א האלבען טוץ מענער.

בעזונדערס האָט געצויגען מיין אויפמערקזאמקייט אויף אַן אויפרוף אין די צייטונגען פון דער יונייטעד סטייטס רעגיערונג. ער האָט זיך געלעזען ווי פאָלגט:

„אויב עס האָט זיך פערוואלגערט א מאַן, ער מעג זיין אַ בלינדער, אַ שטומער, עס מעג איהם פעהלען א פוס, א האנד, אַן אויער; מעג זיין אַן אידיאָט, אָדער אַ דעקאַדענטישער דיכטער — אויב ער געפינט זיך נאָר ערגעץ, זאָל ער זיך גלייך אָפּרופען.

אונערגעשריבען,

מרים קאַרפּילאָוו,

פּרעז. פון די פער. שטאאטען

רחל לוריע, סעק. אָוו סטייט.

ווען די ווייבער האָבען מיך דערזעהן אין גאַס, איז

געוואָרען אַ ווילדע בהלה, אַן ערד־ציטערניש האָט אויס־געבראָכען! פון אַלע זייטען האָבען זיך אַ שאָט געטהאָן, מיידלעך, יונגע פרויען, אַלטע אידענעס, העריגג־פּעד־לערקעס און פינפטע עווענין דאַמען, קלויסטער נאָנעס און רבי'צינס, קורץ, דאָס גאַנצע פרויען־געשלעכט. מען האָט מיך שיער ניט צעריסען אויף פּעדעס.

— קוקט נאָר אָן! — האָבען אַלע געשריען — אַ מאַן! אַמאַן!

—נאָך גאָר אַ גאַנצער!—האָבען פילע געטאַנצט פאַר שמחה, — מיט הענד און מיט פיס און מיט אַ נאָז און מיט אויגען! אָהן אַ שום מום!

— הורײ! — האָט די גאַנצע מחנה אויסגעבראָכען אין אַ פריידיג־ווילדען געשריי און מיך אַ הויב געטהאָן אין דער לופטען.

— פּאַמעלעך! פאַרזיכטיג!! — האָבען עלטערע ווייבער געוואָרענט פון אַלע זייטען, — איהר קענט איהם נאָך, גאָט־בעהיט, אויסלינקען אַ הענטעלע, איהר קענט נאָך חלילה, די טייערע ביינדעלעך זיינע צו־ברעכען!!!

— זעהט, וויקעלט איהם אין עפּעס איין! — האָבען אַנדערע געוואָרענט — עס בלאָזט אַ ווינד, ער קען זיך חס־ושלום פערקיהלען.

ענדליך איז אָנגעקומען אַ סקאַדראָן ווייבער־פּאָלי־ציסטען און מיך בעפרייט פון דער צוואווילדעטער מחנה. מען האָט מיך איינגעוויקעלט אין זיידענע קאָלדרעס, פערפּאַקט אין אַ פיינעם קאַסטען, אויס־געבעטט מיט סאַמעט און — מיך אוועקגעשיקט אין מוזעאום.

ביים אריינגאַנג פון מוזעאום איז ארויסגעהאַנגען געוואָרען אַ גרויסע שילד מיט אַזאַ אויפשריפט:

ווייבער!! בירגער!! אויפמערקזאם!! דער איינציגער געבליבענער עקזעמפלאר מאן!!
50 סענט א קוקעלע.
$1.50 א קוק.
$2.00 פאר א קיצעל טהאן אונטער'ן פאכוועלע.
$2.50 פאר א קוש איהם אין די ליפעלעך.
$3.00 פאר אומארמען איהם.

פון פריה פארטאג ביז שפעט ביי נאכט האבען זיך געהאלטען אין איין שיטען ווייבער, יונגע און אלטע, בלאנדע, שווארצע, געלע, שאטינע גרויע און גרייז־גרויע.

די מייסטע פון זיי זיינען געווען מציאה־כאפעריגס: אראפבויגענדיג זיך מיר א קיצעל צו טהאן אונטער'ן פאכוועלע פאר צוויי דאלאר, האבען זיי מיר, בגנבה, אויך א קוש געטהאן אויף די ליפען, וואס דאס אליין קאסט $2.50, און מיט'ן קיצעל צוזאמען בעטרעפט עס פיער דאלאר מיט פופציג סענט.

די ידיעה, אז אין אמעריקא איז ענטדעקט געווארען א מאן און נאך דערצו א גאנצער, א שעהנער, א יונגער, האט זיך ווי א בליץ־שנעל פערשפרייט איבער אלע לענדער פון אלע וועלט־טיילען און איבעראל האט עס ארויסגערופען די גרעסטע סענסאציע.

פון איבעראל האבען זיך אנגעהויבען שיטען בקשות, אז מען זאל מיך אהין שיקען אויף אויסשטעלונגען. עס האבען זיך געפונען פרויען, וואס האבען ניט געגלויבט די גאנצע געשיכטע, זיי האבען דאס געהאלטען פאר אן אמעריקאנער בלאף.

הקיצור, די וועלט האט דערוויל גע־רעש'ט, ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, רוסלאנד און די איבעריגע לענדער האבען זיך געריסען איבער מיר,

ס'איז צוליעב מיר, דעם איינציגען מאַן, שיער נישט געקומען צו אַ דיפּלאָמאַטישען סכסוך מיט אמעריקאַ. מען האט שוין געשריעבען נאָטעס

צום סוף איז מען געקומען צו אַ דיפּלאָמאַטישען אויסגלייך. עס איז געבליעבען, אַז מען זאָל פאַר מיר צוגרייטען אַ ספּעציעלע שיף מיט אַלע גרעסטע בע־קוועהמליכקייטען און מיך אַרומשיקען איבער דער גאַנ־צער וועלט חתונה האָבען.

ספּעציעלע געזעצען זיינען איבעראַל פערפאַסט גע־וואָרען, וועלכע האָבען מיר געגעבען דאָס רעכט באַלד נאָך דער חופּה זיך צו גט'ען און ווידער חתונה האָבען! חתונה האָבען און ווידער זיך גט'ען, אַזוי אָהן אַן אויפ־הער, אין יעדען לאַנד.

אין יאָהר 45 איז ווידער אויסגעבראָכען אַן אינ־טערנאַציאָנאַלע מלחמה; דאָס מאָל האָבען זיך גע־שלאָגען מיינסטענס זיהן פון איין טאַטען.

דער אָדלער און די היהנער

(א פאבעל, געשריבען במזומן)

פון יעקב מארינאָוו, ל. קעסנער און נחום י.

דעם אָדלער איז אמאָל געקומען א געדאנק,
אראָפּצופליהען אויף א הויף מיט היהנער.
(עס קריעגט אמאָל א מלך א פערלאנג,
צוזאמען צו פערוויילען מיט די דיענער.)
האָט וועגען דעם דער קלאנג
פערשפרייט זיך שנעל אין הויף.
עס איז געוואָרען א געלויף,
א רעש, א געטימעל:
אן אָדלער קומט פון הימעל!
מען קען גאנץ לייכט פערשטעהן,
אז ס'איז די היהנער ניט געווען
גאנץ איבעריג פרעהליך,
וואָס ס'קומט צו זיי דער מלך.
צו אויפנעהמען א הויכען גאסט
איז דאָך א לאסט,
א זאך א שווערע.
ס'איז טאקע זעהר גרויס די עהרע,
דאָך גרעסער איז דער טאראראם;
היינט פיהלט מען סתם
זיך היבש צושראָקען.
אפילו ער, דער אלטער האָהן,
האָט אויך געפיהלט, ווי ס'שטעהט אין קאָן
זיין שטאָלצער העהנער־טהראָן,

און האָט אראָפּגעלאָזט זיין קאָם.
די קוואָקטשעס האָבען אויפגעהערט צו קוואָקען.
די יונגע העהנדלעך,
מיט ערשט ארויסגעשפּראָצטע פעהנדלעך
אויף זיי'רע קעפּ,
פערזאמעלט האָבען זיך
אויף גיך
ארום די טרעפּ,
צוזאמען מיט די זקנות און די זקנים,
און אויסגעארבייט א פּראָיעקט,
ווי אויפנעהמען מיט גרויס רעספּעקט
דעם שעהנעם,
דעם קעניגליכען גאסט,
ווי ס'פּאסט.

* * *

דער אָדלער איז געקומען.
מען האָט איהם אויפגענומען
מיט גרויס פּאראד,
מיט בראַוואָ'ס און וויוואַט,
מיט דעמאָנסטראציעס
און אָוואציעס.
דיזעלבע נאכט
האָט מען פאר איהם געמאכט
אין מיטינג־זאל
פון היהנער־שטאל
א גלענצענדען באנקעט.
א יונגער העהנדעל, א פּאָעט,
(וואָס האָט אריינגעכאפּט זיך אָהן א טיקעט)
איז אויפ'ן סעדעלע ארויף
און האָט ארויסגעקיקעריקעט

א ספעציעל־פערפאסטע זאך,
דאס הייסט, א מין געגראמטען שבח
פון הונדערט־פינף־און־צוואנציג סטראף.
די קוואקטשעס האבען אפלאדירט,
און פאטשענדיג זיך שיער ניט אויסגעלונקען
די פליגלען.
בלויז ער, דער אלטער האהן,
וואס האט געשפירט
אז ס'וואקעלט זיך זיין טראהן,
געהאלטען האט זיך אין איין קליגלען,
האט צו אן אלטע קוואקטשע צוגעוואונקען
(די יונגע היהנרלעך האבען זיך גרופירט
ארום דעם גאסט, גע'חן'דעלט זיך און קאקעטירט)
און האט בעמערקט מיט קנאה און סארקאזם:
„וואס איז דאס פאר א מין ענטהוזיאזם?
אז ווינד איז זיי און וועה!
עס איז דאך פשוט מעשה עגל!
מען בוקט זיך צו א פראסטען פויגעל,
וואס קען צומאל ניט טהאן קיין קרעה!
ווער רעדט שוין פון געפינען אין א קופע מיסט
א קערענדעל אויף גיך!
דערצו שוין מוז מען זיין א ספעציאליסט,
ווי א י ך!"...

* * *

עס איז אוועק א וואך און צוויי.
דער אדלער האט דערווייל געלעגט אן איי
אין איינע פון די היהנער־נעסטען.
די קוואטשקעס האבען זיך
אויף גיך
דאס איי גענומען מעסטען,

בעטאפען עס, אנאליזירען,
פערגלייכען, שאצען, קריטיקירען,
און זיינען באלד געקומען צו א שלום,
אז ס'איי זיינס איז פון זייערע ניט שעהנער,
דערצו, לויט זייער מיינונג, קלענער
פון א וועלשנעם נוס.
די קוואטשקעס האבען קיין מינוט
ניט גערוהט
און האבען אנגעפאנגען טרייבען
רכילות אלערליי,
אז ער, דער אדלער, איז א קוואקע גלייך מיט זיי.
דער אלטער האהן, פערשטעהט זיך,
האט מיט דערמיט געפרעהט זיך,
און אום צוריק ניט בלייבען,
האט ער גענומען קרעהען פרעך און פריי:
„איך האב געזאגט דאך באלד,
ס'איז גאר ניט אזא גוואלד,
ר'איז גאר ניט קיין אי־אי־אי!
און אויב ער קען אביסעל העכער
זיך אויפהויבען אריבער דעכער
און אין די כמארעס שוועבען, שוויבלען,
האט ער דערפאר ניט קיין בעגריף
פון גראבלען זיך און גריבלען
גאנץ טיעף
אין קופעם מיסט,
ווי א י ך , דער ספעציאליסט"...
* * *

און ווי מיט טויזענד קאלעקאטקעס
צוטראגען האבען זיך די פלאטקעס,
טאג־טעגליך נייע, פריש פון נאדעל,

אַז ס'איז דער אָדלער ניט קיין גדול,
נור סתם אַ פּראָסטער עוף
וואָס לעבט פון בלאָף,
און ס'איז אַ שאַנד פאַר עוף און גאָט,
וואָס אַזאַ ניקס, אַן אידיאָט,
וואָס אַזאַ שווינדלער, אַזאַ לומפּ,
אַ ר אָ פּ ווער וויים פון וועלכען זומפּ,
געפינט זיך צווישען זיי אין היהנער־שטאַל —
דאָס איז דאָך פּשוט אַ סקאַנדאַל!
די „יונגע" פון דעם היהנער־הויף,
וואָס האָבען אין פערלויף
פון זייער קורצער קאַריערע
פערלאָרען בושה, טאַקט און עהרע
און האָבען כלומרש שוין בעוויזען
אַז ס'איז, חוץ זיי, נישטאָ קיין ריעזען;
וואָס האַלטען זיך אין לויבען אָהן אַ סוף
אין זאַמלונגען פון „עוף צו עוף",
אין „זאַמלונגען" אָהן קלאַנג, אָהן טראָפּ —
גענומען האָבען גאָר אין גיכען
דעם אָדלער קריכען
אויפ'ן קאָפּ...
אַ ליאַדע העהנדעל,
די גרויס— אַ שפּענדעל,
אַ ליאַדע היהנדעל,
אַ דינע ווי אַ שפּינדעל,
(וואָס קען אַליין קיין איי ניט לעגען
און פּאַדעט אום רק צווישען די קאָלעגען
און פּרעדיגט אויפ'ן קול
געבורטס־קאָנטראָל) —
זיי האָבען זיך געפּיהלט פאַר גרויס

גענוג, דעם אָדלער טהאָן א שטויס,
א פּיק טהאָן אין זיין עק,
און גלייך אוועק
בעריהמען זיך פאר זיי'רע „ריעזען":
„נו־נו, האָב איך עס איהם בעוויזען
ווער קליגער איז און גרעסער,
ווער שעהנער איז און בעסער!"...
* * *
דער אָדלער איז א קורצע צייט
געווען געדולדיג:
זיי זיינען נעבעך גאָר ניט שולדיג
די העהנער־היהנער־לייט.
זיי זיינען מיסט־איש שטויביג, קליין
און אורטהיילען א יעדערען
לויט זיי'רע איינ'נע פ ע ד ע ר ע ן,
לויט זיך אליין...
און ווען ער האָט מיט זיי גענוג פערבראַכט
און אין זיין אָדלער־ברוסט גענוג זיך אויסגעלאכט
פון זיי, וואָס זיינען טעגליך אלץ געוואָרען פרעכער,
האָט ער, גאָר אומגעריכטערהייט,
די פליגלען אויסגעשפּרייט
ווי ריעזיגע צוויי פעכער,
א שוואונג געטהאָן זיך הויך און העכער
און איז פערשוואונדען אין דעם בלויען עטהער, —
אוועק פון היהנער און צוריק צו געטער...

זיין מאַמע׳ס זופּ

פון י. מ. און ח. ג.

רבקה פּאַסטערנאַק, די פרוי פון חיים פּאַסטערנאַק, זיצט אין קיך שטאַרק פערצווייפעלט און גרויסע טרעהרען רינען פון איהרע אויגען.

— די זופּ, אוי, די זופּ וועט מיך טרייבען יונגער־הייד פון דער וועלט! — האָט זי אויסגעשריען היס־טעריש צו זיך אַליין.

און גענוג אורזאַכע האָט רבקה געהאַט צו וויינען און צו זיין היסטעריש. איהר חיים, דאָס איז אַ איד אַזאַ וואָס קען זיך בעגעהן אָהן פליייש, אָהן אייער, אָהן פּוטער, אָהן מילך, אפילו אָהן ברויט. נור זופּ? זופּ מוז זיין! פּאַר זופּ שענקט ער אייך אוועק זיין עולם הבא. זופּ מוז ער האָבען צוויי מאָל אין טאָג. יעדען טאָג צוויי מאָל זופּ!

און מיינט איהר אפשר, אַז זיין רבקה פוילט זיך צו קאָכען זופּ? — חלילה, וואָס אייך קען איינפאַלען! רבקה האָט ליעב צו קאָכען זופּ, נור זי האָט ניט גע־קענט צוטרעפען דעם געשמאַק פון איהר חיים׳ן.

זיי זיינען שוין פערהייראַטה אַ קיילעכיג יאָהר, דאָס הייסט 365 טעג, דאָס הייסט: 730 מאָל האָט זי שוין געקאָכט זופּ פאַר איהם, חיים׳ן, און 730 מאָל האָט זי פון איהם געהערט: „ניין, אַזוי ווי מיין מאַמע האָט געקאָכט זופּ, וועסטו קיינמאָל ניט קענען קאָכען״.

אַלע מעגליכע און אונמעגליכע מיטלען האָט זי שוין אויספּרובירט, זי האָט שוין געקאָכט פליישיגע זופּ, מילכיגע זופּ, פּאַריווע זופּ, שוואָמען זופּ, „ווע־

דזשעטייבעל" זופ; זופ מיט פאטייטאס און אהן פאטייטאס, לאקשען־זופ מיט אייער און אהן אייער, רייז־זופ מיט קליינע בעבלעך און גרויסע בעבלעך, זופ מיט פעפער און אהן פעפער, זופ א סך געזאלצען, ווייניג געזאלצען, גארניט געזאלצען; זופ מיט ציבעלע, מיט קנאבעל און אהן קנאבעל — קורץ און גוט, זי האט אלעס אין דער וועלט אויספּרובירט, און איהר חיים האט איהר אליץ געיאדעט: „פערפאלען, אזוי ווי מיין מאמע האט געקאכט זופ, וועסטו קיינמאל ניט קענען קאכען!"

און יעדעס מאל ווען ער האט דאס געזאגט, האט זי נור געפיהלט אזוי ווי צו כאפּען דעם לאנגען ברויטמעסער פון קיך, און אוועקלויפען צו דער שוויגער און איהר איבערשניידען דעם האלז.

זיצט זי נעבעך איצט אין קיך, א פערצווייפעלטע. די זופ קאכט זיך אויפ'ן אויווען, אבער זי וויל אפילו היינט ניט א קוק טהאן אויף די זופ. זי האט עס איבערגעלאזט אויף גאט'ס בעראטה; זאל זיך עס קאכען! ווי עס וועט זיין, וועט זיין! וועט איהם ניט געפעלען, זאל ער געהן צו זיין מאמען, אדער זאל ער זיך אליין קאכען זופ, אדער זאל ער זיך ארייננעהמען א דיענסטמיידעל. זאל ער שפּארען פון רויכערען, זאל ער זיך בעגעהן אהן א פיינטעל ביער יעדען טאג!

פלוצלינג האט זי דערפיהלט א רויך. זי שפּרינגט צו צום אויווען — א וועהטאג, א בראך! — די זופ איז אין גאנצען פערברענט!

איהר פריהערדיגע זופ־פילאזאפיע איז אוועק מיט דעם רויך. איין געדאנק האט איהר נור געברענט אין מוח: איהר חיים דארף באלד ארייןפאלען פון דער ארבייט. וואס זאל זי איצט טהאן? זאל זי איהם

אפשר היינט גאָר ניט געבען קיין זופּ? זי גיט אזש א ציטער ביי דעם געדאַנק. זי ווייסט וואָס דאָס הייסט. איהר חיים אָהן זופּ! זי בעשליסט זיך אַלזאָ איינמאָל פאר אלע מאָל, וואָס עס וועט זיין זאָל זיין. זי וועט איהם געבען די זופּ אזוי ווי עס איז. און אז די זופּ איז ניט פערברענט, שרייט ער דען ניט, אז זיין מאַמע קאָכט בעסער? וועט איהם ניט געפעלען, זאָל ער געהן צו דער מאַמען!

איהר חיים קומט אריין.

זי פערבייסט נערוועז מיט די ליפּען, און דערלאַנגט חיים'ן די זופּ אין דייגינג־רום און געהט אריין צוריק אין קיך: זי וויל גאָר ניט שטעהן דערביי ווי די זופּ־רציחה וועט זיך ביי איהם צופלאַקערען.

— רבקה, אהער! — הערט זי ווי חיים רופט זי. אָבער זי ענטפערט ניט.

— רבקה'לע, רבקה'ניו, קום אהער מיין טהייערס! קום אריין! — הערט זי ווי חיים רופט זי מיט אזא צערטליכען טאָן, וואָס זי האָט עס נאָך קיינמאָל פון איהם ניט געהערט. ניט אנדערש, אז דער מאַן איז נור משוגע געוואָרען פאר גרויס אויפרעגונג — טראַכט זי זיך, און לאָזט זיך געהן אין דייגינג־רום.

— רבקה'לע, גיב אהער דאָס פּיסקעל! — האָט חיים אויסגערופען צערטליך — היינט, רבקה'לע, האָסטו מיר אָבגעקאָכט א זופּ, פּונקט ווי מיין מאַמע האָט געקאָכט!

„פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“

(אַ סצענע אויף אַ רוסישער באַהן)

פון א. ל. ד׳אָר

אין וואַגאָן פון דריטען קלאַס איז ענג און שטי־קענדיג. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט דעם ריח פון הערינג, פעל און מענשען־שוויים. די בענקלעך זיינען בעדעקט מיט שטויב און מיט שמוץ. מיט שטויב און מיט שמוץ זיינען אויך בעדעקט די הענד מיט די פּנים׳ער פון די פּאַסאַזשירען.

— צווייטע קלאַס איז פיעל בעסער! — רעדט צו זיך אַליין אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט אַ שווארץ, קליין בערדעל אויף זיינע בלאַסע, איינגע־פאַלענע באַקען.

— טו, ווארום זענט איהר ניט געפאָהרען צווייטע קלאַס? — פרעגט איהם אַ צוואַנציג יאָהריגער יונגער־מאַן, וואָס איז געזעסען נעבען איהם.

דער יונגערמאַן מיט׳ן שווארץ בערדעל האָט בע־טראַכט זיין שכן מיט אַ ביטערען שמייכעל און האָט זיך אָבגערופען:

— נו, געוויס... איהר קענט אַ סך פאָהרען צווייטע קלאַס, ווען אין 24 שטונדען מוזט איהר פערלאָזען די שטאָדט!...

— אָ, מען האָט אייך ארויסגעשיקט? — פרעגט דער צווייטער.

— אַ שעהנע פראַגע! — האָט דער ערשטער גע־ענטפערט, מאַטשענדיג זיך אונגעדולדיג אויף זיין פּלאַץ — וועלכער איד פאָהרט עם היינטיגע צייטען אויף אַ באַהן מיט זיין פרייען ווילען?

— פאַרוואָס האָט מען אייך אַרויסגעשיקט?
— דערפאַר וואָס איך בין געווען אַ סוחר.
— איהר שפּאַסט?
— חלילה!

דער בעבערדעלטער יונגערמאַן האָט פערדרויכערט אַ פּאַפּיראָסעל און האָט אָנגעפאַנגען דערצעהלען:

— איך בין אַ דענטיסט. אַזוי ווי אָבער קיין געלד אויף צו עפענען אַן אָפּיס האָב איך ניט געהאַט, האָב ניט און וועל ניט האָבען, בין איך געוואָרען אַ פערטרעטער פון אַ פירמע. וואָס, האָב איך מיר געטראַכט, איז די נפקא־מינה פאַר די מיניסטאָרען און גובערנאַטאָרס צי איך רייס ציינער, צי איך פערקויף הערינג. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז עס איז שוין אַ גרויסע נפקא־מינה... אין איין ליכטיגען פריה־מאָרגען רופט מען מיך אין אוטשאַסטאַק און מען זאָגט מיר: „רייס ציינער, אָדער פערלאָז די שטאָדט אין 24 שטונדען!"

— ענטשולדיגט, וואָשע בלאַגאָראָדיע, זאָג איך, ווי אַזוי קען איך רייסען ציינער, אַז איך האָב ניט קיין שטוהל, קיין צווייננגלעך און קיינע פּאַציענטען?

— מיר ווילען פון דעם ניט וויסען — ענטפערט מען מיר דאָרטען — איינמאָל ביזטו אַ איד, טו רייס ציינער. איבריגענס — ערקלעהרען זיי מיר — זענט איהר, אידען, אַלע מאַשעניקעס. איהר גיט אָן, אַז איהר האָט אַן אנשטענדיגע בעשעפטיגונג, און צום סוף זענט איהר גאָר הענדלערס.

דער ערצעהלער האָט „פערצויגען" דעם פּאַפּיראָס, האָט אַרויסגעבלאָזען דעם רויך דורך די נאָז, האָט אַ פרעג געטהאָן זיין שכן:

— און פאַרוואָס האָט מען אייך אַרויסגעשיקט?

דער יונגערמאן האט אויף איהם א קוק געטהאן פערוואונדערט:

— ענטשולדיגט, פון וואנען ווייסט איהר, אז מען האט מיר ארויסגעשיקט?

— וואס, איהר דענקט, אז מען דארף גראדע זיין א נביא? — א איד זענט איהר, נו, טו וואס איז דא ניט צו וויסען?

דער יונגערמאן האט א שמייכעל געטהאן.

— איהר האט טאקע געטראפען — האט ער צו־געגעבען — מיך האט מען אויך ארויסגעשיקט. און וזייסט איהר פארוואס?

— זאגט, וועל איך וויסען.

— מיך, מיין פריינד, האט מען ארויסגעשיקט דער־פאר, וואס איך בין ניט קיין סוחר.

דער דענטיסט איז אזש אויפגעשפרונגען פון פער־וואונדערונג:

— וואס הייסט? — האט ער אויסגערופען — מיך האט מען ארויסגעטריבען דערפאר, וואס איך בין א סוחר און אייך—דערפאר, וואס איהר זענט ניט קיין סוחר! וואס איז שוין דאס פאר א שווארץ יאהר?

דער יונגערמאן האט זיך צוגערוקט נעהנטער צום דענטיסט און האט אנגעפאנגען:

— איך בין אן עקסטערן. איך בין געקומען שטו־דירען, נאר אזוי ווי קיין וואהנרעכט האב איך ניט געהאט, האב איך ארויסגעקראגען ביי מיינעם א בע־קאנטען סוחר א דאקאזאטעלסטווא (א צייגניס), אז איך בין זיינער אן אנגעשטעלטער. דעם דאקומענט האב איך אוועקגעשיקט צו דער פאליציי. דעם צווייטען טאג בעקום איך א פאוויעסטקע: „זייט מוחל, הערר סוחר, קומט אין אוטשאסטאק!"

געקומען אהין, פרעגט מיך דער פּאַמאַטשניק פּרי־סטאַוו: מיט וואָס האַנדעלט איהר?

— מיט ווייסצייג פון דער בעוואוסטער פירמע „מאַנאַפּאָל" — ענטפער איך.

— איהר קויפט און פערקויפט, הייסט עס.

— יא, איך קויף און פערקויף.

— ביי וועמען קויפט איהר?

דאָ בין איך שוין געוואָרען אביסעל צוטומעלט, אָבער איך האָב מיר גלייך געכאַפּט. אַלץ איינס, האָב איך געטראַכט, איך בין שוין אריינגעפאַלען, טו לאָמיר זיך כאָטש אביסעל לוסטיג מאַכען איבער דעם „ווי־סאָקאָראָדיע", און איך האָב געענטפערט רוהיג:

— איך קויף ביי לעאָניד אַנדרעעוו.

עס איז דורכגעגאַנגען.

— און וועמען פערקויפט איהר? — פאָדערט ער פון מיר ווייטער.

— קופּרינען, סאָלאָגוב'ן, ארציבאַשעוו'ן.

נאַטשאַלסטוואָ האָט אביסעל נאָכגעדענקט און האָט מיך בשלום אָבגעלאָזט.

אין צוויי טעג ארום, מען רופט מיך ווידער אין די פּאָליציי.

— זייט מוחל — ערקלערט מען מיר דאָרט — און טראָגט זיך שוין אָפּ פון שטאָדט!

— אום גאָטעס ווילען, ווארום?

— מיר האָבען געמאַכט אַן אונטערזוכונג — ער־קלערען זיי מיר — און מיר האָבען אויסגעפונען, אַז אַזעלכע ווייסצייג פירמעס ווי אַנדרעעוו, קופּרין, סאָ־לאָגוב און ארציבאַשעוו, זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. איבריגענס, זענט איהר אַלע מאַשעניקעס. איהר זאָגט, אַז איהר זענט סוחרים און ווייס דער טייפעל

מיט וואָס איהר פערנעהמט זיך. איהר שטודירט גאָר... איהר האָט אונז אָנגעפייפט, הא?

ווען דער עקסטערן האָט געענדיגט, איז צוגעקומען א מאַן אין די מיטעלע יאָהרען און זיך אָבגערופען:

— אייך, הערר דענטיסט, האָט מען ארויסגעשיקט דערפאַר וואָס איהר זענט געוועזן א סוחר און אייך, הערר עקסטערן, דערפאַר, וואָס איהר זענט ניט קיין סוחר, און איך בין געווען א סוחר און בין א סוחר און... מען האָט מיך אויך ארויסגעשיקט.

— דאָס קען שוין ניט זיין! וואָס האָט מען גע־האַט צו אייך?

— צו מיר?... דערפאַר וואָס איך האָב זיך גע־שמד'ט.

די צוויי יונגעלייט האָבען זיך איבערגעקוקט מיט פערוואונדערונג.

— וואָס, איהר גלויבט ניט? — האָט זיי דער סוחר געפרעגט — טו הערט, וועט אייך אַלעס קלאָר ווערען:

— איך האָב געוואָהנט אין א שטאָדט — האָט דער סוחר אָנגעפאַנגען מיט אַן אומעטיגען קול, אוועק־זעצענדיג זיך אויף זיין פּלאַץ — מעהר ווי צעהן יאָהר. איך האָב געצאָהלט מיין „גילדע" און האָב געהאַנדעלט מיט טאַנדעטנע קליידער. איז דאָס דעם אָקאָלאָדעטש־ניק ניט געפעלען געוואָרען. איינמאָל האָט ער מיר פּשוט געזאָגט: „א איד דאַרף זיין אונגעזעצליך פער־שריבען. פון אַזעלכען האָבען מיר אַן איינקונפט..." און ער האָט מיך אָנגעהויבען פערפאָלגען. יעדע נאַכט אַן אָבלאַווע. זיי זיינען געקראָכען אין שלאָף־צימער, צו מיין ווייב, צו מיינע טעכטער. וועקען זיי אויף פון שלאָף און ענטשולדיגען זיך.

— ווארום פערפאָלגט איהר מיך? — פרעג איך.

— דערפאר — ענטפערען זיי — וויל אַלע אייערע פּאַפּירען זיינען געזעצליך. אויב איהר ווילט לעבען רוהיג — גיבען זיי מיר צו פערשטעהן — פערשרייבט זיך אַלס ארבייטער און דאַן מעגט איהר זיך זיין א סוחר, וועט מען כאָטש האָבען פון אייך א פּאָלזיע.

איך האָב געליטען און געליטען, ביז איך האָב מיך ענדליך בעשלאָסען און... זיך גע'שמד'ט... נו,—טראכט איך מיר,—איצט, ברודער אקאָלאָדאָטשניק, פּרוביר נור מאכען ביי מיר אָבלאַוועס!... וואָס דענקט איהר איז ארויסגעקומען? — אין א מאָנאַט ארום רופט מען מיך אין אוטשאַסטאָק.

— זייט מוחל — ערקלערט מען מיר דאָרט שטרענג — און טראָגט זיך אָפּ פון שטאָדט אין 24 שטונדען!

איך בין געבליבען א פערשטיינערטער...

— ווי? אויף וואָס פאר א גרונד?

— אויף דעם גרונד — ערקלערען זיי מיר — וואָס איהר האָט א אידישע ווייב. א קריסט, וואָס האָט חתונה אויף א אידישע טאָכטער פערליערט זיינע רעכ־טע. גט זיך מיט אייער ווייב, דאַן קאָנט איהר דאָ וואָהנען ווי לאַנג איהר ווילט...

— עס איז לייכט ארויסצוריידען: גט זיך מיט'ן ווייב! — זי וועט דאָך מיר די אויגען אויסדראַפּען!

דער סוחר האָט ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ.

— איז וואָס דענקט איהר איצט צו טהאָן? — האָבען איהם די יונגעלייט געפרעגט.

— איך פאָהר כלאָפּאָטשען, אז מען זאָל מיר פּאָד־וואָליען צוריק צו ווערען א איד. שוין בעסער פּאָלי־צייסקע אָבלאַוועס, איידער א גט.

עס איז געוואָרען שטיל. דער צוג האָט געקלאַפּט

און געפייפט, און געקרעכצט און געסאָפּעט. ווי אַן אַלטער מאַן האָט ער זיך קוים־קוים געשלעפּט אויף זיין וועג.

די רוסישע באַהנען זיינען ווי די רוסישע קולטור, רוסישע ציוויליזאַציע און די רוסישע קאָנסטיטוציע: איילען זיך האָבען זיי פיינט.

ענטשולדיגט, איך בין געשטאָרבען!

פון י. מארינאָוו און ל. קעסנער

נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעמאכט אלע גוטע און שלעכטע זאכען אין דער וועלט, און בין געקומען צום שלום, אז דער אָקס איז טויזענד מאָל גליקליכער פון׳ם מענשען, כאָטש ער קען ניט זיין קיין גרויסער חכם, און אז די ציעג פערשטעהט גאנץ גוט די ליעבעס־ערקלערונגען פון באָק, כאָטש ער ערקלערט עס איהר ניט אין ליעבעס־ליעדער; נאָכדעם ווי מיין פופציג־סטער פריינד האָט מיך פערראטהען און מיין ניין און נייַנציגסטע געליעבטע איז אנטלאָפען מיט א רייכע־רען פאַר מיר—איז מיר די גאנצע וועלט געוואָרען איבריג און נמאס, און האָב איינגעזעהן, אז דאָס גאנצע לעבען איז ניט מעהר ווערטה ווי דער טויט—האָב איך זיך אריינגעלעגט אין בעט, זיך אויסגעדרעהט מיט׳ן פנים צום וואנד און בין געשטאָרבען.

אזוי. גאָט צו דאנק! ענדליך בין איך טויט. פטור געוואָרען פון דער פוסטער נארישער נוצלאָזער וועלט! ענדליך וועל איך געניסען די געהיימניספולע רוהע פון קבר. וואָרים וועלכער מענש וועט עס זיין אזוי גרויזאם און שטערען א בר־מנן?

קומט אריין דער שוסטער און ברענגט צו טראָגען מיינע שיך. ער וויל איך זאָל איהם בעצאָהלען.

„ענטשולדיגט, איך בין געשטאָרבען!" — ענטפער איך איהם מיט א שטימע פון יענער וועלט. דער

שוסטערווארפט אוועק די שיך און לויפט ארויס א פערציטערטער.

קומט אריין מיין באלעבאסטע און פערלאנגט איך זאל בעצאהלען דירה־געלד.

„ענטשולדיגט, איך בין געשטארבען!" — ענטפער איך קורץ.

מיין באלעבאסטע לאזט ארויס א קוויטש, פונקט ווי זי וואלט דערזעהן א לעבעדיגע מויז און לויפט ארויס פון צימער.

עפענט זיך די טהיר און מיין פריינד, דער פאעט, קומט אריין און בעט א ניקעל.

„ענטשולדיג" — לאז איך איהם וויסען, — איך בין שוין טויט צייט די לעצטע דריי שטונדען".

מיין פריינד גיט זיך א דרעה אוים אויפ'ן קנאפעל און געהט שטיל ארויס, מורמלענדיג: „האב איך דיך אין דער ערד!"

פריינדע, איך זאג אייך, איהר האט גאר קיין בעגריף ניט, וואס פאר א פערגניגען עס איז צו זיין טויט! אבער קרעפליך עסען ווערט דאך אויך נמאס. קריך איך ארויס פון בעט, טהו זיך אן און געה זיך אביסעל דורכשפאצירען. איך פיהל זיך גליקליך. א מערקווירדיגע רוה, די רוה פון יענער וועלט צוגעהט זיך איבער אלע מיינע גליעדער. „אוי, ווי טייער דאס איז, וואס איך בין טויט" — טראכט איך זיך, — „איצט בין איך שוין פטור געווארען פון אלע צרות. ווי א גייסט פון יענער וועלט קען איך איצט זיצען אין טהעאטער פון לעבען און צוקוקען ווי די אקטיארען שפיעלען."

איך געה אריין אין רעסטאראנט און עס אָב א געשמאַקען דינער. דער קעלנער ברענגט מיר א חשבון.

„ענטשולדיגט!" — זאָג איך צו איהם — „א געשטאָרבענער בעצאָהלט ניט".

איך לאָז שטעהן דעם קעלנער מיט אן אָפען מויל און געה זיך אוועק אין פארק אריין. אויף א באנק זיצט א יונג פּאָרעל איינגעקלאַמערט איינס־אין־ דאָס אנדערע. איך זעץ זיך אוועק נעבען זיי.

„שטערט אייך ניט!" — זאָג איך צום מיידעל, וואָס האָט דערזעהענדיג מיך ארויסגעריסען זיך אוים די ארעמס פונ׳ם געליעבטען און איז שטארק רויט געוואָרען — „פאר מיר האָט איהר זיך ניט וואָס צו שעמען. איך בין א טויטער מענש".

דאָס מיידעל האָט פאר שרעק ווידער ארומגע־ כאַפּט איהר געליעבטען און פערגראָבען איהר קעפּעלע אין זיין האלז־טוך.

לאנגזאם האָב איך מיך אויפגעהויבען, און מיט וואזשנע טריט בין איך מיר אוועקגעגאַנגען ווייטער. און איך ווער אַלץ פעסטער איבערצייגט, אז קיין בעס־ סערעס לעבען, ווי צו זיין געשטאָרבען, איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אַלע דאגות זיינען אוועקגעפאלען. אַלע קאָכענישען האָבען אויפגעהערט. קיינער האָט צו מיר ניט, איך האָב צו קיינעם ניט. פריי בין איך ווי דער פויגעל אין דער לופט — איך בין געשטאָרבען.

אַלעס וואָלט געווען ווי געוואונשען, האָט זיך אָבער באַלד פערשפּרייט אין שטאָדט די נייעס וועגען מיין טויט. אַזוי ווי איך בין נור אַרויס פון פארק קומט

מיר אַן אנטקעגען אַ מענש און פאָהרט מיר אריין מיט'ן עלענבויגען סאַמע „אונטער'ן לעפעלע".

„האָט איהר ניט קיין אויגען?" — ווער איך אין כעס.

„ענטשולדיגט!" — ענטפערט יענער — „מיר ליידען גענוג פון לעבעדיגע. איהר זיינט טויט, געהט אין אייער רוה אריין און פּלאָנטערט אייך ניט אונטער די פיס".

איך בעגעגען מיינעם אַ בעקאַנטען, וואָס איז מיר שולדיג אַ פערטעל דאָלאר.

„קענסטו מיר אפשר אָבגעבען דעם חוב!" — פרעג איך איהם.

„טפוי זאָלסטו ווערען! ווי קומסטו אהער?" גלאָצט ער אויף מיר אויס אַ פּאָאר אויגען — „ווי, מען האָט דיר נאָך ניט בעגראָבען?" — און לאָזט מיך שטעהן און געהט אוועק.

אויפ'ן ראָג גאַס קומען צו מיר צו צוויי יונגע לייט, טהוען מיר אויס דעם אויבערראָק און נעהמען פון מיר אַרונטער דעם זייגער מיט דער קייט.

„ענטשולדיגט!" — פארענטפערען זיי זיך—„דיע־זע זאַכען האָבען נור אַ ווערטה פאַר לעבעדיגע".

„זעהט ווי מען בערויבט מיך!" — שריי איך צום פּאָליציסט, וואָס שטעהט פון ווייטען און קוקט רוהיג צו.

„ענטשולדיגט!" — דרעהט זיך דער פּאָליציסט צו מיר אויס מיט'ן רוקען, — „איהר זיינט גע־שטאָרבען".

צום טײַװעל! — װער איך שוין אויפגערעגט, — דער טויט איז דאָך שוין באַלד אַזוי אונטערטרעגליך װי דאָס לעבען.

איך קום אַהײם. מײַן צימער איז אויסגעליידיגט.

„װאו איז מײַן קופערט, מײַן טשעמאָדאַן, מײַנע קליידער, מײַנע װעש, מײַנע ביכער?" — פרעג איך די באַלעבאָסטע.

„ענטשולדיגט" — ענטפערט זי — אײַערע יורשים, אײַערע גוטע פרײַנד, האָבען אַלעס אװעקגענומען.

די טהיר עפענט זיך און עס קומט אַרײַן דער פּאָליציי־דאָקטאָר מיט דרײַ אַרויסהעלפער.

„װי לאַנג זײַנט איהר שוין טויט?" — פרעגט ער מיך.

„פון הײַנט אין דער פריה" — שטאַמעל איך אַרויס און פיהל װי אַ פרעסטעל געהט מיר אַריבער איבער'ן רוקען.

„און װאָס איז געװען די אורזאַכע פון אײַער טויט?" — פרעגט ער װײַטער.

„איך װײס ניט" — שעפּטשע איך אין פערלע־גענהייט.

„אויב אַזוי, מוז איך אײַך פּאַלמעסען" — ענט־פערט ער מיר קאַלט װי אײַז און נעהמט אויספּאַקען מעסערס, זעגען, צװענגלעך, נאָדלען, פאָדעם און אַנ־דערע געצײַג.

„כ'האָב מיך דערמאָהנט, הערר דאָקטאָר!" — שרײַ איך אויס ציטערענדיג װי אַן אָקס פאַר דער שחיטה — „איך בין געשטאָרבען פון לאַנגװײַלע".

„המ־מ־מ, פון לאנגוויילע" — מעסט מיך דער דאקטאר פון קאפ ביז אראפ.

„יא, פון לאנגוויילע" — בעשטעטיג איך.

„מיינע העררען" — האט זיך דער דאקטאר גע־ווענדעט צו זיינע ארויסהעלפער — „איהר הערט, דיעזער מאן איז געשטארבען פון לאנגוויילע. לייגט איהם ארויף אויפ'ן טיש, לאמיר איהם אויפשניידען און זעהן וואס פאר א מין חולאת דאס איז". און זעקס הענד האבען מיך גלייך א נעהם געטהאן אין דער ארבייט.

„הערר דאקטאר, וואס געהט איהר טהאן?" — רוף איך אויס מיט א שוידער.

„שניידען!" — ענטפערט ער קורץ און פרובירט א בלאנקען מעסער אויפ'ן נאגעל, מעשה שוחט.

„אום הימעל'ס ווילען! וואס הייסט איהר וועט מיך שניידען? איך לעב דאך!" — האב איך פראַ־טעסטירט, שוין ליעגענדיג אויפ'ן טיש א צוגעקנע־פעלטער.

„נו, אז מיר וועלען אייך עפענען, וועלען מיר שוין אויסגעפינען" — האט דער דאקטאר געענטפערט, זו־כענדיג מיט די פינגער אן ארט אויף מיין קערפער, וואו אריינצוויאגען דאס מעסער.

* * *

ביים ערשטען „חיק" האב איך פערלוירען מיין בעוואוסטזיין. און וואס מיט מיר האט ווייטער פא־סירט, קען איך אייך ניט איבערגעבען —

ענטשולדיגט, איך בין געשטארבען.